STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04367

STUDYA

L. Mates

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. מאטעס

סטודיאָ

פארלאג „פאלמע"
לאָס אנדזשעלעס, קאַליפארניע
1928

מיט צען יאר צוריק האב איך פארצייכנט און געלאזט אפדרוקן מיינע ערשטע „גראמען“. איצט טו איך פארצייכענען:

אפענע טויערן (לידער און פאעמען) 1923. מאמענטן (לאמאטלאך) 1926. דער ווייסער פרינץ פון דער ווייסער פלאג (לאמאטלאך) 1927. א אידישע טראגעדיע (א טראגעדיע אין פינף אקטן) 1927. סטודיא, 1928. געדרוקט אין צוויי הונדערט עקזעמפלארן.

און זאל דא אויך פארצייכנט ווערן: שטאט — א מאטאנע צו מיין ערשטן רעדאקטאר און דערמוטיקער, ק. מרמר. בלוי — צו טאדראס געלער. אפאלאן — צו פעסי הערשפילד. אין ראד — צו דר. דזשעק ספעקטאר.

אפן טויט פון יהואש — קרוין פון זיין גנאד. פארן ארן פון דר. חיים ספיוואק — קאפ געבויגן. דעם אנדיינק פון ראובן לודוויג — דעם דיכטער איז גוט.

Copyright 1928
By
MATTES LUNE

עראטיווע פרעס

סטוריאָ

יעדער אָטעם — אַן אויפשפּיל.

יעדער באַוועג — אַ פאַרבפלעק.

יעדער אויסדרוק — אַן איינקריץ.

און אַ טאַנץ גייט דאָס לעבן נאָכן באַטאָן פון צייט.

ניט מיינע הענט האָבן דעם ערדקויגל צום אַרומקרייז געגעבן.

און דעם אַרומקרייז פון וועלטגעזאַנג ניט אָפּשטעלן וועט מיין ליד.

איך בין איינער

אין דער מיט.

פּען און פּינזל

אַף דער גיטאַר

אַ געעפנטער קאַוואָן —
זיין מויל.
בלוטיקן זיינע ליפּן מיט דער זיסקייט פון אַן ערשט געבאָרן ליד.
און זיינע פינגער,
מיט ליידנשאַפט פון אַ באַרבאַר,
צופּן
די בלויע אָדערן
פון דער פאַרכאַלעשטער גיטאַר.

— זינג, אָ מעמי,
זינג —
אין יענעם טאָג
ווען גאָט דער האַר,
דער הירט פון אַלע רינדער —

זינג, אָ מעמי,
זינג —
אין יענעם טאָג
ווען גאָט דער האַר
צונויפזאַמלען אַלע קינדער —

זינג, אָ מעמי,
זינג —
אין יענעם טאָג
ווען גאָט דער האַר
טאָן פאַרגעבן אַלע זינדער.

אָ, לויב צו גאָט און דאַנק דערפאַר,
וואָס אויך דער נעגער איז אַ קינד —
אַ רינד
צווישן זינדער;
דאָס לוסטיק-שוואַרצע קינד
צווישן אַלע זיינע קינדער.

גרין

אין א כריזאַנטעמע פריזירט —
אירע גרויע האָר.
און שלאַנק,
דין
גרין
און בויגעוודיק
איז זי אין איר גאַנג.
וויינט די סאָווע ערגעץ ווייט.
און בא איר זייט —
די אייניקלאַך
(א פרייד)
גראָבן זיך צעשטיפּט,
אין די סאַמעט ווייכע פאַלדן
פון איר גרין-סאַמעטן קלייד.

ווייס

אפן ווייסן בעט,
פון אונטער ווייסן לייַלאַך דראפּירט,
רונדיקן ארויס אירע קאָנטורן,
ווי פון סקולפּטאָרס האנט פאָרמירט.
ליגט זי.
קוקט אף זיך און טראַכט:
א לעבעדיקער מאָנומענט!
און ווייס,
פון ווייסן לייַלאַך ווייסער,
זיינען געוואָרן אירע פיס;
און ווייס,
פון ווייסן לייַלאַך ווייסער,
זיינען געוואָרן אירע הענט.

מיד

מידער טאָג.
פון אַלע טעג נאָך מידער.
ציען פארן פענצטער —
כאָלעם-ווייס,
אירע ווייסע שוואנען;
און מיד
אירע מידע פינגער קאַמען —
קעפּ געקרויזטע.

קוקן אויגן צו איר אַרויף,
אויגן שטילע;
קוקן אויגן אירע אַראָפּ,
אויגן אין טפילע —
פאר די כאָלעם-ווייסע,
אירע ווייסע שוואנען;
און פאר די קעפּ געקרויזטע,
וואָס מיד —
אירע מידע פינגער קאַמען.

הערשער פון נאכט

א לעצט בלעטל איז געפאלן פון בוים.
מיט א זיפץ שטיל געפאלן אין נאכט.
לעוואָנע —
פארשלייערט אין קרעפּ,
האָט זיך אין פינפטן הימל הינטער אכט שלעסער פארמאכט.
און איך —
אונטער נאקעטן בוים,
דער זיפץ —
א רובין אין דער מיט פון מיין קרוין,
הערשער פון נאכט.
אין דער נאכט.

טרערן

מיין טרער —
פערל גרוי פארן מאלערס פינזל;
נאָקטורן —
פארן מוזיקערס באריר.
און פאר מיר —
א זעגלשיף
אף די שלאָגנדע כוואליעס
פון מיין אויפגעשטורמטער נעשאָמע.

בלוי

עס טריפט אראָפּ א בלויקייט פון מיין פעדער.
א בלויקייט,
ווי פון אויסגעוויינטע אויגן.
אויגן,
וואָס ניט זיי ענטפערן,
ניט זיי פרעגן;
פארטראכטע אויגן,
טיפע, בלויע,
און בלויער, טיפער נאָך
פון דעם פארטראכטן הימל נאָך א רעגן.

מיטהערבסט

פארצווייגט,
פון גאָלדגעפלעכט,
ברעכן ארויס פינגער, אין לעצטן בלוט טריפנדע;
וויינען ארויס צינגער, מיטן לעצטן ליד אויסגעריסענע.
עס וואקלט דער טראָן.
האָט ער די קרוין אויסגעטאָן.
אָפּגעדראַנקט
און אוועק
אויף א גינגאָלדענעם פאעטאָן.

שפּעטהערבסט

טעג ניט געשאָרענע,
קודלעוואטע ביז איבער די אויגן.
טעג —
אין כאשכעס פון געדאנק פארלאָרענע:
קרעכצן,
מורמלען און פארשטומען,
קרעמפּן
און קענען ניט געווינען.
נעמען זיי זיך צונויף אין דער באָבעס אטלעס,
שווער באשפּיצט.
און אין וועלקן גאָלד
פון סאָף אָקטאָבער טעג,
פאַלדנדיק
פאלד נאָך פאלד,
פּראָסטיקן זיי אוועק
אין זילבערנעם באגינען.

אין רויטן קליידל

אין רויט בארכאטענעם קליידל,
פון פאַרנט פאַרפּישט.
דאָס סמערקל ארום נעזל —
אין וואַנצעלאך
פארווישט.
מיט טרערן און ברויגעז געעסן דאָס ברויט,
דאָס באפּוטערט־באצוקערטע ברויט.

לאָקן

לאָקן — שווארץ.
אויגן — שווארצברוין.
„נא אַ רובל פאר א לאָק.
זע, טייערער, א רובל! נעמסט ניט, מיין קרוין?“
וויגט דאָס מאטראָזל אף „ניין“ מיטן קאָפּ.
„א רובל,
צוויי,
צו דעם נאָך די קרעלן.“
שמייכלט דאָס מאטראָזל. וויגט אף „ניין“ מיטן קאָפּ.
און מיידלאך,
ווייבלאך
קוועלן,
לאָזן ניט אָפּ.
גיט זיך אַ דריי דאָס מאטראָזל און העפלאך א נויג,
מיט לאָקן, ווי כוואליעס, א יאָם פארן אויג.

מעלאנכאָליע

ווען איך זאָל קענען אָנשטימען מיין פעדער אין שאָפּענס נאָקטורנעם טאָן
און זי אָנפילן מיט דער מיסטעריע פון קאָראָס א בוים,
וואָרטלאָז,
מיט זונאויפגאנג,
וואָלט איך די מעלאנכאָליע ארויסגעאָטעמט —
מיין געזאנג.

אזא ברייטקייט האָט די אָזערע
און אזא איינגעהאלטענעם, באהאלטענעם וויי.
וואָלט נאָר א ווינט געקומען,
אויפגעטרייסלט איר הארץ אין כוואליעס
און שפילנדיק מיט זיי, אוועקגעגאנוועט איר סאָד,
אריינגערוימט אין א כאָווערשן אויער.
קומט קיין ווינט ניט.
ליגט זי איינגעוויגט אין וויי.
ליגט זי איינגעוויגט אין טרויער.

שפּינסט, דו שפּין.
ווי דיין געוועב — מיין מעלאנכאָליע.
אָן אויפהער איז דיין געשפּין.

אזא פולפארצווייגטקייט האָט דער בוים
און אזא איינגעהאלטענעם, באהאלטענעם וויי.
וואָלט נאָר א ווינט געקומען,
אויפגעטרייסלט זיין קאָפּ אין קודלעם
און שפילנדיק מיט זיי, אוועקגעגאנוועט זיין סאָד,
אריינגערוימט אין א כאָווערשן אויער.
קומט קיין ווינט ניט.
שטייט ער איינגעוויגט אין וויי.
שטייט ער איינגעוויגט אין טרויער.

ווען איך זאָל קענען אָנשטימען מיין פעדער אין שאָפּענס נאָקטורנעם טאָן
און זי אָנפילן מיט דער מיסטעריע פון קאָראָס א בוים,
וואָרטלאָז,
מיט זונאויפגאנג,
וואָלט איך די מעלאנכאָליע ארויסגעאָטעמט —
מיין געזאנג.

אף בלויען זייד

די לאָנקע —
א טעפּיך גרין
דורכגעקניפּט מיט גאָלד.
דער קארשן בוים אין בליט —
ראָז מיידלשע באגערן געהעפּט אף בלויען זייד.
דער רויטברוסט —
דאָס איינזאמע ליד פון א פארביינקטער
אין רוף נאָך איר ליבסטן.
און די אָזערע —
האלט איר פּאָרטרעט אין וואסערפארב געמאָלן:
די טיף —
א מיסטעריע שווייגנד,
שטום;
און ארום איר קאָפּ —
וואָלקנדלאך,
ווי טויבן פלאטערנדע,
זילבערן אין זון.

אפּאָלאָן

פארן קינד טראָגט די קארוסעל דאָס לעבעדיקסטע פערד.
אין א רייטוואָגן,
מיט לייצעס אין האנט —
איז ער צעזאר.

און אפּאָלאָן פירט ארוים די זון יעדן פרימאָרגן.

קינד אפן אקסל, לירע אין האנט,
פּאָרט ער און שפּרייט —
ליכט און געזאנג.

פלאָנטער און שטערנקניפּ

שפּיזלען פינגער, שפּיזלען.
פלאָנטער און שטערנקניפּ, דער פּאָדים פון נאכט.
שפּיזלען פינגער, שפּיזלען.
אויג האלב פארמאכט —
אין פלאָנטער פון שטערנקניפּ, נאָכן פּאָדים פון נאכט.

גאָלד

גאָלדענע שיפלאַך אפן וואסער.
בלעטער גאָלדענע פון קאשטאן בוים.
גאָלדענע שיפלאַך אפן וואסער —
שיפנדער טרוים,
אין בלעטער גאָלדענע פון קאשטאן בוים.

זילבער

זילבער געזאנג פון שניי באזילבערטע צווייגן.
א גרייז דער קעניג אף זיין טראָן.
זילבער געזאנג פון שניי באזילבערטע צווייגן —
גרייזער טאָן,
פון גרייזן קעניג אפן זילבערנעם טראָן.

אין שווארצן שאל

אין שווארץ־זיידענעם שאל.
די שווארצע האָר צום קאָפּ גלאט פארקאמט.
אין שווארץ־זיידענעם שאל —
טיגריש די האנט,
און די שווארצע האָר צום קאָפּ גלאט פארקאמט.

אוועק

פריי פון שניטער,
פארן הימל נאקעטע,
ליגן אויסגעשפרייט די פעלדער;
און פריי פון זינגפויגל,
פארן פענצטער,
פאראיינזאמט שטייט דער בוים.
נאָך די גריל רופט נאָך אין נאכט
און וועקט אין מיר א בייגקעניש —
נאָך איר,
וואָס האָט זיך מיט דעם ערשטן פויגל אויפגעהויבן
און אוועק.

אפן גראָז

איינער אפן גראָז
פון גאָלדענע פליבלעטער געשמיסן.
אויגן —
צום פליוואָלקן פאריסן.
צעפליגלט
מויל און נאָז,
ברוינט ער,
ווי עס ברוינט אין זון —
דאָס גראָז.

מינועט

מינועט.
סילועטן קאָקעט.
סילועט, סילועט.

טריט אידיל.
הענט געשוואן.
טריט גליענד אין שפּיל,
פול ביינקשאפט און נאכטיקער גלוסט,
בויג און נויג.
אויגן ליכט און שטערן ליכט.
בוימער באַיאָרטע אין לעוואָנע פּארנעפּלטן שיין,
דורך באבלעטערטע קעפּ קוקט האלב די לעוואָנע אריין.
בוימער באַיאָרטע.

בוימער באַיאָרטע,
דורך באבלעטערטע קעפּ קוקט האלב די לעוואָנע אריין.
בוימער באַיאָרטע אין לעוואָנע פּארנעפּלטן שיין.
אויגן ליכט און שטערן ליכט,
בויג און נויג,
פול ביינקשאפט און נאכטיקער גלוסט.
טריט גליענד אין שפּיל.
הענט געשוואן.
טריט אידיל,

סילועט, סילועט.
סילועטן קאָקעט.
מינועט.

גאָלדענע טריט

גאָלדענע הערבסט בלעטער!
שאַרכנדיק אזוי,
האָט א זאַקן,
געבויגן און גרוי,
אין גאנג אָפּגעהיט,
שאַרכנדיק אזוי,
פאלן,
געלאָזט פאלן
זיינע גאָלדענע טריט.
און מער זעט מען אים ניט.
מער הערט מען אים ניט.

א שלאָפלאָזע נאכט

איך האָב זיך געזען:
א קינד —
אוף דער נאָז פון דער לעוואָנע;
און פון דער לעוואָנע —
אוף א זילבערנעם שוואן;
און פון שוואן —
אין הארץ פון לאָטאָס בלום.
און א זאָטל איז דער לאָטאָס אפן רוקן פון שוואן;
און א בויגן איז די לעוואָנע —
אין האנט אָנגעצויגן.
האָב איך שטערנדלאך געשאָסן,
און די שטערנדלאך האָבן געלאכט.
און אזוי איז אוועק א שלאָפלאָזע נאכט.

קאָפּ געבויגן

קינדער פון דער ווייסער פּלאַנג
בויגן,
נויגן
קאָפּ אויף קאָפּ,
קאָפּ אויף קאָפּ
אין טרויער.
און איך איינער צווישן זיי —
וואָרט פארקלעמט,
דאָס האַרץ
אין וויי
בויג און נויג
מיין אָוול קאָפּ
פאר דיין אָרן
טיף אראָפּ.

מיט גראם און אָן גראם

מארמאָר־ווייס ליגט דער דיכטער קאָפּ צום מיירעוו געקערט.
די פארטיפטע אויגן נאָך אויגיקער פארטיפט.
אָנגעהויבן א ליד
— — — — — — — — — — — — — — —
און שקיעדיק לעשט זיך דער געצונדענער פלאם.
דער פריידיקער רויט אין טרויער פארגרויט.
און צופוסנס,
מיט גראם און אָן גראם
האמערט דער טויט, האמערט דער טויט.

גאנעל סטריט

בלומען און וויינריב און גרינגעשניטענע לאָנען,
פּאסאדן פּילפּארביקע,
אָפּענע באלקאָנען,
און פינגער פון טרובאדור, מיט לײדנשאפט אַף דער גיטאר,
צערטלען אַן אלטע באלאדע —
פון פארכאָלעמטע אויגן אין לעוואָנע פארטראכט.
פון אַ הארץ, וואָס גייט אוים ווי אַ שטערן אין נאכט.
און פון אַ ריטער, אַף אַ שנײ ווייסן פערד,
מיט ליפּן פול פייער
און צום פעכט גרייט די שווערד.

נאָר סקומט ניט דער ריטער.
לעוואָנע פארגייט.
און טרובאדור מיט גיטאר אין דער האנט —
שטייט,
שפּילט און זינגט.
און צווישן בלומען און ווייגריב און גרינגעשניטענע לאָנען,
קלינגט
פארקלינגט
דאָס לעצטע ליד —
פאר ליידיקע באלקאָנען.

בעווערלי הילם

גאסן —
אלייען פול בוימער און בלומען.
און אַ קינד ניט צו זען פאַרן אויג.
און בילט אַ הונט —
איז עס אויך אַף אַ קייט.
און אַ פּעדלער טוט דאָ קיינמאָל ניט קומען.
איז וואָס בילט דער הונט אַף דער קייט?
בילט ער אַף דעם בלויראָק? —
וואָס שטייט
אַף גאסן געבאָרן אָן פרייד;
צווישן הייזער —
פארטרונקען אין בלומען.

פייער

באַרוועס,
ליכט אין האַנט,
איז נאַכט אויף די בערג אַרונטער,
און מיט ווייטאָק גענישטערט,
געזוכט.

פייער!

אַ פליק דאָס קלייד און אויף שטיקער צעריסן.
נאַקעט,
צעשראָקן־בלייך
שטייט נאַכט —
די ליפּן ביז בלוט פאַרביסן.

קרוין פון זיין גנאָד

אַ צייכן פון האַנט און אַ רוף.
אַ נאַקעטער,
אויסגעטאָן פונעם גוף,
אַ ניטגעזעגענער אוועק אין ניט געזעגנטעם לאַנד,
נאָך אַ רוף —
פון אַ צייכן פון האַנט.

און דער, וואָס וואַרט,
וועט דערוואַרטן;
דערפירן וועט דער,
וואָס פירט.
און אומגיין וועט ער אין לאַנד דעם געגאַרטן
מיט דער קרוין פון זיין גנאָד
איראַדיאירט.

מיינע טויבן

געשפּונען,
ניט דערשפּונען —
וואָס זעען מיינע אויגן?
געפליגלט,
ניט דערפליגלט —
וויינען, וויינען
מיינע טויבן.

קלינג קלאַנג

קלינג קלאַנג! קלינג קלאַנג!
ווייטער,
ווייטער קלונג.
אַ פאַרבאַויסגוס דער גלאָקנצונג,
אַ פאַרבצופלוס צום זונפאַרגאַנג —
קלינג קלאַנג! קלינג קלאַנג!

ניט קאַרג

דאָס ליד —
מיט האַרץ געוואויגן.
און זע:
א שטריק —
אין פלעכט נאָכאַנאַנד;
שאָטן —
צו דער וואַנט,
און סאַם —
אף צאָן פון בויגן.

„איז וואָס טוט אויסווײַלן דײַן האַנט?“

ניט קאַרג!
ווען סמוז זיך ליד מיט לעבן שיידן.

פאַרשפּילט

נאַכט,
אויסגעפּוצט אין פּראָסטקלייד שימערירנדן
און גאָלדענעם קאַם אין די האָר,
איז הוליען אוועק
אף יונגע הירשלאַך א פּאָר.

און געהוליעט האָט נאַכט.
געהוליעט פאַרוואָר!
ביז פאַרשפּילט צום פרימאָרגן
זי האָט איר פּראָסטקלייד שימערירנדן
און אויך —
דעם גאָלדענעם קאַם פון די האָר.

בלוי און גאָלד

אָזערע און הימל
האָבן זיך צעקושט און צעגאַנגען.
דער הימל האָט זיך העכער אויפגעהויבן,
די אָזערע האָט זיך ווייטער אויסגעשפּרייט.
און דער פּיסקהאָלץ,
פאר פרייד,
האָט אין מיין דאך געקלאַפּט
און גערופן

איך בין אין פעלד ארויס.
אין קילן טוי האָט מיין טראָט זיך געבאָדן.
די אָזערע האָט צו זיך געצויגן,
האָב איך דאָס שיפל אראָפּגעלאָזן.
און אונטער די וועסלעס,
בלוי
אין בלוין,
האָט די שטילקייט אויפגעציטערט;
בלוי
אין בלוין
זיך צעוויגט.
א גראָב מיט די וועסלעס —
די אָזערע צעגראָבן;
א קלאַפּ מיט די וועסלעס —
א צענדליק זונען אף פּיצלאך צעשלאָגן.
און בלוי אין בלוין,
מיט גאָלד אין גאָלדן,
פּיילן גלייך,
געשיפט האָט מיין שיפל
אין מאָרגנרייך.

די מאגנאָליע

מזאָגט,
אז אַפּראָדיט
האָט מיט אַ באַטריגעריש קאַלטן קוש
אויסגעטאָן דעם פרילינג פון זיין בליט,
און פול כאַראָטע און צאַר
מיט ליפּן
שטום,
אויסגעבעטן האָט אין ראַכמים בא דעם האַר —
די אָ בסאָמים ווייסע
מאַגנאָליע בלום.

דעם דיכטער איז גוט

„דעם דיכטער איז גוט!
ער פּראַצעוועט ניט
נאָך דעם פּייף־גערוף פון די רויך־קנוילנדיקע קוימענס,
צו אים קומען די מוזן און שפּילן אים גיטאַר.
און ער,
דער האַר,
שפּילט אויף אַ פּלייט
און זינגט:
די זון פאַרגייט, די זון פאַרגייט."

די זון פאַרגייט.
געהויקערט איבער אַ בערגל זאַמד פאַרגייט —
ליו ליו.

„רו.
דאָס געטלאַכסטע געשאַנק —
ניט וואָר?
און ער,
דער האַר,
באַגלייט פון די מוזן אויף גיטאַר,
האָט עס געקראָגן נאָך צו דרייסיק יאָר.
דעם דיכטער איז גוט!"

טאָן פּאָעמען

אין ראָד

פון הינטער וואָלקן־פּייכטע, גראָב־שמאַטיקע פּאָרטיערן,
גענעצט אויף די זון פון שלאָף דעם שווערן.
און מיט שפּיצנאָגל אין פענצטער —
קלאַפּט,
עפנט
טיר און טויער.
און לוינער יאָגן, ווי אונטער בייטש —
יאָגן, יאָגן, יאָגן;
און רעדער דרייען זיך, ווי אין געוועט —
און טראָגן, טראָגן, טראָגן.

ב)

ז
ו
פּ
קוימענס
שרויפן
קנוילן
רויך.
שרויפן.
שרייבן.
שרויפן
צייכענען
און פאַרשרייבן
טאָגאויפגאַנג און טאָגפאַרגאַנג
געביינערטן הונגער און געפּעטיקטן זעט.
און ווענען פרייד און ווענען טרויער.

ג)

און סהאמערט און פּולסירט די שטאָט
צום גאַנג
און טראָט
פון רוקנס געבויגענע;
און סהאמערט און פּולסירט די שטאָט
מיט מוסקולן אָנגעצויגענע.
האמערט.
שטאָלט.
דרייט.
מאָלט.
מאָלט און בלאַמט.
בלאַמט און כראָמזשקעט.
קייט
שפּייט.
און לוינער —
פאַלן,
פאַלן.
כאַפּט זיך פּאַס אריבער פּאַס מיט א פאַרשטיקטן כליפּ.
און ראָד אויף ראָד
מיט צאָן אין צאָן,
צאָן
צײנערט,
קריצט;
צאָן
צײנערט,
צאָרנט.
וואָרנט.
און יונגווארג כאַפּט אונטער דעם ראָד.
כאַפּט אונטער מיט פרייד און געזאַנג.
און סדרייט זיך דאָס ראָד.

ד)

סדרייט זיך דאָס ראָד.
און פון ראָג אויף ראָג —
גאָטס וואָרט און טרייסט

צו די,
וואָס האָבן הענט,
און האָבן די הענט ניט וואו צו פאַרדינגען פאַרן טאָג,
צו דעם קריפּל און צו דער זוינע גלייך.
— ווייסט:
„סאיז לייכטער פאַר א קעמל דורכצוגיין דורך דער לאָך פון א נאָדל,
ווי פאַר א רייכן מאַן אריינצוקומען אין גאָטס קעניגרייך.“
און פּייקלאָך פּייקלען,
טרובעס טרובען.
האַלעלויעס פלעכטן,
בינדן,
פאַרוואַרפן לייטערס אין דער לופט,
און מערי צימבלט.
מאַגדאַלע רופט:
Pray to Jesus !
דער וועג צו גאָט וועט אייך גליקזעליקייט ברייִנגען,
דער וועג צו גאָט וועט אייך ברייִנגען רו.

ה)
און רו האָב איך געזוכט.
האָב איך זיך געזעצט באַם וואַסערברעג —
געקוקט,
געטראַכט:
דאָס האָבן הענט האָרעפּאַשנע
מיט א בראָכע אַף די ליפּן געוואַשן דעם אויל פון די הענט;
דאָס האָבן הענט פאַרהאָרעוועטע
מיט א בראָכע אַף די ליפּן געוואַשן די סאָזשע פון די הענט.
און די פּאַליעס —
דין־ן
גרינע שליינג:
שיפּען
גיפּטיקן,
שוימען־שנורן
דין־ן
גרינע ליפּן,
און וואַרפן דעם אויל און סאַזשע צוריק.
גאָטס בראָכע צוריק. גאָטס בראָכע צוריק.

שטיל דער יאַם

פריש פון שלאָף,
פורפורנד
די מאָרגן בלום
אין גאָלד געפלעכט פון אירע גאָלד געקניפּטע האָר,
האָט זון,
זינג
זינגענדיק,
זיך געלאָזט אין גאַנג,
מיט וויג פון וועל און וועל אין וויג —
שאָרך, שאָרך,
דער זיידענער שלעפּ,
גאָלד באַזוימט,
זילב
זילבעריק,
אין וויג
נאָך אירע וויגנדיקע טריט.

ב)

וויגנדיקע טריט.
און שפּיל פון האַלבן טאָג.
פאַרשפּילט
און פויל,
אַף וואָלקנווייכע קישעלאַך געלענט,
לאָזן אירע הענט
מעוון
אין געפלינגל פריי.
נאָר דער אָרימער פישער טריי,
פון איר בליק ווערט פאַרברענט.
און פאַרווירט,
פאַרגעסן זיינע הענט —
לערנט ער זיי צו רודערן דאָס שיפל פון דאָס ניי.

ג)

פישער אין זיין שיפל.
און זי —
אין סאמעט ווייכן שלעפ.
שיפט זיין בליק אין ביינקעניש,
און אין ביינקעניש —
וויג
 וויגט זיך
וועל נאָך וועל,
וויג, וויג.
און קירצער ווערט איר שלעפּ —
נאָר פישער איז ניט מיד.
וויג
 וויגט זיך
וועל נאָך וועל,
וויג, וויג.
און שאָטנדיק פאלט איר וואָרט
מיט אירע שאָטנדיקע טריט.

ד)

שאָטנדיק איר וואָרט
מיט אירע שאָטנדיקע טריט,
און אָט —
א האנט באוועג:
פון קופּער קריג
גיסט זיך שטראָמענדיק
פינקלדיקער וויין.
און טראָגט דעם פלאם,
וואָס האָט ארומגעבאט איר שלעפּ,
גארטלט
און שמעלצט דאָס גאָלד פון אירע בוזים קנעפּ —
פינג
 פינגערן
אירע פינגער —
זילבער לאנגע פייפלאך אין קאפּריז.
און מיט איר,
פאר אירע פיס —
בלוטיקט דער פישער,
ברענט דער פויגל פון פאראדיז.

מימאהאָמונע

אָנגעצונדן איז די לאַגונע מיט די פאַרבפּייערן פון זונפאַרגאַנג,
האָט ער איינגעטונקט דעם רודער אין דער לאַגונע און אויפגעהויבן זיין געזאַנג.
און אויסגעמישט דאָס אָראַנדזש, שאַרלאַך, וויאָלעט, און פאַרמישט,
פאַרווישט,
ווי דאָס גרויע האָט פאַרגרויט, ווי דאָס בלויע האָט פאַרבלויט,
געבלענדט —
און אָנגעצונדן אַלעס אין פּורפּור-רויט.

ב)

רויט-פּורפּור־רויט —
צערינט.
און שטערן הינטער ווערבע שפּיזלט,
בלויט;
שטערן הינטער ווערבע ריזלט,
גרינט,
און שפּילט מיט בלאַט אין בלעטער שפּיל —
א וויגנדער אין ווינט.

ג)

ליגט ער,
קוקט פאַרביינקט.
א:ן פאַרביינקט ליגט אויך, פאַרבלייכט דער הימל.
פאַרבלייכט, פאַרביינקט ליגט די לאַגונע.
„מי-מאַ-האָ-מו־נע!
וואָס איז דער אָוונט אָן דיין געזאַנג?
עס ביינקט נאָך דיר פול מיט ביינקעניש די לאַגונע.
מימאַ־האָ־מונע!
אָן דיר פעלט די טרייבקראַפט אין מיין רודער.
און מיין קענו — איר גלייכער גאַנג.“

ד)
שמייכלט מימאהאָמונע.
לאָזט שמייכלענדיק אַראָפּ איר קענו אויף דער לאַגונע.
רודערן רודערס.
שניידן קענוס אריין,
שאָטענען ארויס
פון אונטער בוימער פאַרצווייגטע —
די לעוואָנע איז גרויס!

ה)
"זע,
מימאהאָמונע.
דער שטערן אין וואסער דאָרט, צווישן די ווערבעס, און איינזאמען אָרט,
אַ שפּיגלשטילן ווינקל האָט זיך שטיל אויסגעקליבן.
ווייסטו דעם סאָד,
וואָס די נאכט האָט אין הימל פאַרשפּונען?
האָסטו פאַרנומען דעם סאָד,
וואָס די כוואַליעס האָבן אין זייער געפּליסטער דערציילט?
דער שטערן דאָרט —
דאָס איז דער איינער פון די זיבן:
דער גאָלדענער שליסל איז מיט אים.
מיט אים דער ענטפער אויף אַלע גאָלדענע פאַרלאַנגען.
גיב נאָר אַ רודער מיט די רודערן,
מימאהאָמונע.
לאָמיר זען ווער וועט ערשט דעם שטערן פאַנגען."

ו)
„אי־האָ־האָ!
דער שטערן איז ניטאָ?
דער שטערן איז פאַרפלויגן?
אי-האָ-האָ,
האָ־האָ!
דער שטערן איז דאָ.
דער שטערן איז אין דיינע אויגן.

גלויבסט ניט מימאהאָמונע?
נו, אָט פרעג די נאכט. גיב אַ קוק אין דער לאַגונע.
מי־מאַ-האָ־מונע."

ווייס און בלוי

ווייס פון הונגער
גייען גרינגער אויסגעביינטע פינגער,
ברענען ברענענדיקער, בלויער, אויפגעברענטע צינגער.
פינגער-צינגער
מאָלן:

בוימער אין שניי באַפּעלצטע.
סטראַשידלעס אַף שנייאיקע ווייטן.
קומט שטורם מיט שטורם צורייטן.
און בוים נאָך בוים
טוט בייטן
געשטאַלט נאָך געשטאַלט.

ב׳
געשטאַלט און באַהאַלט
און שניי אין געשטאַלט,
און שניי אין געוויי
און געוויי אין באַהאַלט
נאָך וויכער,
זאַוויי,
אין ווייסבלוי געדריי
ווײַ־הײַ!

ג)

שטורם געקומען און שטורם פארשווינדט.
ליגן צוויי בוימער אַלטע באַקאַנטע,
ליגן דריי בוימער ווייטע פאַרוואַנדטע,
און פון אַרום, ווייט אַרום —
בלוי דער ווינט
לעשט מיט בלויקייטן, מיט בלויקייטן צינדט,
צינדט
בלוי אין שניט.
קרעכצן בוימער זקיינים.
און בוימער יונגע —
קרעכצן מיט.

ד)

אָפּגעקרעכצט און אָפּגעהעכצט.
איינגעדרעקט און איינגעוועבט
ליגט פעלד
און וואַלד.
און איבער זייערע קעפּ —
שניידט אַ האַנט
און סטרונעס
בלייכן:
פאַלט
אין כאַלאַל ווייכן,
מיד און ווייך, ווייך און מיד,
דאָס לעצטע ליד. דאָס לעצטע ליד.

ה)

ווייס פון הונגער
גייען גרינגער אויסגעביינטע פינגער.
ברענען ברענענדיקער, בלויער, אויפגעברענטע צינגער.
פינגער־צינגער
גלייזגלאָזנאַיין:
גלאָזבלויער הימל,
זילבערגלאָז שיין.

שטאָט

אויפֿן ברייטן מאַרק,
נאָך די גוטע שאָען פֿון גרויס געשעפֿט,
האָב איך אַ מוטער מיט איר זויגלינג אויף דער האַנט —
געטראָפֿן גראַבלענדיק, מיט פֿינגער גאָפּלענדע,
אין גרודעס מיסט אָנגעהורבעטע.
עפּעס אַרויסגעשאַרט,
אַרויסגעקליבן,
אין קאָשעקל אַריינגעלייגט.
און שטיל,
מיט טיפֿן צאַר אין די איינגעטיפֿטע אויגן,
יונג און גרוי און איינגעבויגן,
איז זי אַוועק,
אַוועק.

און ווייטער בין איך געגאַנגען.

פֿון ראָג אויף ראָג,
אַרומדרייענדיק זיך צווישן פֿאַרבייגייער,
פֿאַרבייפֿאָרער,
האָב איך אַ ברודיק־פֿאַרשוויצט קינד געזען.
אומראַכמאָנעסדיק האָט ער אויפֿן קאָל זיך געריסן —
עקסטראַ! עקסטראַ!
און דאָס אָרים ביסל בלוט האָט אין זיינע שפּיץ באַקן געשמיסן,
געברענט.
קיין פּעני געהאַט,
האָב איך זיך אָפּגעקערט פֿאַרשעמט.

און ווייטער בין איך געגאַנגען.

באַם האַפֿן,
אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט,
מיט הענט ווי קלאַמערן און פֿיס ווי קאָלאָנעס,
פּאָנים פֿאַרשטאָלט,
בליק פֿאַרשטאַרט,
אַרבעטסלאָז פֿאַרזאָרגט איז אַ יונג געשטאַנען
און ווייט צום הימל אַרויפֿגעקוקט.

די זון האָט עס באמערקט
און ווי פאר שרעק גלייך אין יאם אראָפּגעטוקט.
אויפגעפלאמט,
צעשפריצט די לעצטע פונקען,
און שטיל און שנעל
אראָפּגעזונקען.

און ווייטער בין איך געגאנגען.

בלינד,
אין די בלינדע גאסן,
האָט א זאָקן
מיט א שטעקן אין האנט,
בלינד געטאפּט,
געקלאפּט,
געזוכט,
און איז ווי אױף אן אָרט געשטאנען.
„זיידע!“
האָב איך אויסגערופן.
„וואו זיינען דיינע קינדער,
דיינע אייניקלאך, אוראייניקלאך וואו זיינען זיי, וואו?
א פולע טרער האָט א קוואל געטאָן
און אױף באק גענומען רינען.
„קום!“
איך האָב דעם זאָקן ארומגענומען.
און אין פּארק.
אױף איין באנק מיט א דריטן —
דער זאָקן אינמיטן —
זיינען מיר צונויפגעפרעסט געזעסן,
שטום...

פינזל און דלאַט

סילועטן
טרעטן, טרעטן,
טראַט נאָך טראַט.
טרעטן אַפּ און טרעטן צו,
טרעטן צו און טרעטן אַפּ.
שלייכן,
שאָטענען נאָך אַ לעצטן זונפלעק,
פלעקנדיק ארום.
געכאַפּט!

הייגנט אַ בלויער דעקטוך איבער שטאָט.
אַ קריץ. אַ בליץ.
שטערנשפּריץ.

ב)

נאַכט!
די לעוואָנע —
אַ סצעפּטער אין דיין האַנט;
די שטערן —
די פיינסטע איידלשטיינער פאַר אַ דיאַדעמע.
איז פאַרוואָס זשע וואָלקנט אזוי דיין טראַכט?
הויב אויף דעם קאָפּ.
פאַנים דעק אָפּ,
נאַכט.

ג)

פֿאַנים האַלב פֿאַרדעקט,
א מיסטעריעזע שטייט די נאַכט.
און דער שטיין האַלב אָפּגעדעקט,
האַלב אָפּגעדעקט:

פּים.
הענט אומאַרעמט.
מאַן און ווייב —
אַן קעפּ.
פּים
הענט אומאַרעמט.
לענדן און היפּטן —
אין קרעפּ.

ד)

טרעפּ.
טרעפּ.
טרעפּ.
גאָלדווייכער שיין.
אין גאָלד געפֿליגלט
לעוואָנע איז אריין.
און מיט שפּיצפֿינגער אָפּגעדעקט —
פֿאַליטרע,
לייוונט,
פּינזל שמיר:

קינדער צוויי אַפֿן דיל.
קינדער צוויי פֿאַרטיפֿט אין שפּיל.
אַן איי —
א קייקל און — א קאָפּ;
א קאָפּ —
א קייקל און — אַן איי.
קינדער צוויי אַפֿן דיל.
קינדער צוויי פֿאַרטיפֿט אין שפּיל.

ה)

שטייט,
א שווייגנדע,
די נאכט.
בלייכט,
ציטערט
פארשאָטנט און שטום.
פארשאָטנט און שטום
א נאקעטע,
קאַלטע
שטייט,
שטייט די נאכט
און קוקט זיך ניט אום.
און קוקט זיך ניט אום.

וואניושא

„וואָס טוט וואניושא שפעט אין נאכט גאנץ אליין?“
ווערט געפרעגט ווי אוים מוירע, שטום.
„דאָס פאָלגט נאָך וואניושא קאטיושעס געוויין“
ענטפערט א צווייטער מיט באדויער, שטיל-פרום.

וואניושא איז א כאווער געווען צו קאטיושען,
און ווי א כאווער פלעגט ער קאטיושען העלפן אָנטרינקען אירע שאָף.
איז איינמאָל וואניושא געקומען צו כאָלעם קאטיושען,
און קאטיושא מיט שרעק האָט זיך אויפגעכאפט פון שלאָף.
„דו ווייסט דעם באשייד פון כאלוימעס, וואניושא.“
האָט זי שטיל זיך געווענדט.
„זיי מיר פויסער כאָלעם, וואניושא,“
האָט זי געבעטן פארשעמט.

„מיט א שעפעלע אף דער האנט האָב איך אין ברונעם זיך געשפיגלט.
און זיך שפיגלענדיק, האָב איך געזען:
האלדז אויסגעצויגן,
א סערפ האָט געשניטן,
בלוט האָט גערונען.
דאָס שעפעלע פון מיינע הענט, ווי א וואסער האָט אויסגערונען.
אריינגערונען אין ברונעם, מיטן וואסער זיך אויסגעמישט.
און גרין איז געלעגן דאָס פעלד און באבלומט.
בא דער זייט —
א הירט איז געשטאנען
און ווי דאָס גראָז האָט ער געשטומט.“

ב)

איך קוק אינם ברונעם,
קאטיושא,
נאָר האַרט איז זיין פלאַך און בלינד ווי א שטיין.
איך וואָלט דיר וועלן פויסער כאָלעם זיין,
קאטיושא,
נאָר איך קען ניט פארשטיין."

ג)

א טרוימער איז געווען וואניושא.
און א פייפל האָט ער פארמאָגט, וואָס האָט געהיים, ווי דורך נאכט,
בארג — אין טורעם, בוים — אין ריטער
אומגעוואנדלט־פארוואנדלט
און די פרינצעסן פון שלאָס צו אים אין די אָרעמס געבראכט.

און געשפילט האָט וואניושא, אָנגעבויגן זיך אזוי אפן שטיין.
קאטיושעס הונט האָט ער מיט ליבע געגלעט.
נאָר טויב איז ער געווען צו קאטיושעס געבעט,
טויב איז ער געווען צו קאטיושעס געוויין.

ד)

און איין טאָג,
ווען קאטיושע מיט איר זויגלינג אף דער האנט
האָט אין ברונעם זיך געשפיגלט,
און זיך שפיגלענדיק, זי האָט דערזען:
האלדז אויסגעצויגען,
א סערפ האָט געשניטן,
בלוט האָט גערונען.
דאָס זויגלינג —
אָפ
קאָפ אראָפ,
האָפ!
האָט זי די הענט אויסגעשטרעקט —
צו קורץ;
לייגנער זיינען די צעפ —
האָט זי די צעפ פארוואָרפן,

און אויך די צעפּ זיינען ניט לאנג גענוג.
האָט זי זיך טיף איבערן ברונעם אָנגעבויגן,
און מיט אויגן —
פול געוויין,
נאָך דעם זויגלינג זיך אַראָפּגעלאָזן,
אַראָפּגעלאָזן ווי א שטיין.

„וואָס טוט וואניושא שפּעט אין נאכט גאנץ אליין?“
ווערט געפרעגט ווי אוים מוירע, שטום.
„דאָס פאָלגט נאָך וואניושא קאטיושעס געוויין.“
ענטפערט א צווייטער מיט באדויער, שטיל-פרום.

שנײ

סהאָט אַ בלינדער פֿױגל,
פֿול מיט װינט אין זײנע פֿליגלען,
געפּאָכעט און געפֿלױגן,
געפֿלױגן און געפּײפֿט
װילד אין װײ.
געפּיקט,
געפּליקט
פֿון זיך די פֿעדערן —
שנײ.
ש־שנײ.
ש־ש־ש־נײ.

ב)

שנײ
און שאָרך.
אַ קלאַפּ אין טיר.
שאָרך־האָרך.
אַ ריר!
געדרײ,
געװירבל —
אַ קאַלטע האַנט.
און ער אין גאַנג —
נאָך איר.

ג)

שנײ.
איר אָפּבילד אינם *שנײ.*
און אױך פֿון גרױען הימל רופֿן אירע אױגן.
זינקען זײנע פֿיס און קניען.
קאָפּ געבױגן —
איר געבעט האָט ער פֿאַרנומען.

ד)
פארנומען איר געבעט.
געבעט אפן ווינט.
ה)
הינט און הינט.
בילט א הונט.
א צווייטער הונט, אין נאכט, האָט זיך אָפּגערופן.
הינט און הינט.
ער רופט —
און סגייט זיין רוף פארלאָרן.

ו)
פארלאָרן זיין רוף.
פארלאָרן זיין געשריי.
גייט ער.
גייט.
און שלאנגיק בלוי און שלאנגיק גרין,
ער דרייט זיך הער, ער דרייט זיך הין,
א שלאנג אין שניי —
נאָך אויגן צוויי.

ז)
אויגן צוויי.
א קאלטע האנט.

ח)
און קאלט די לעוואָנע,
קלעפּיק־קאַלט
אָן א וואָלקנברעג האָט זיך פארהאלטן;
קאלט,
שווייגנדיק־קאלט —
שאָטן האָט זיך אָפּגערוקט,
פארוקט,
און ערגעץ וואו זיך שטיל באַהאַלטן.
שטייט ער אין נאכט מיט אויגן אויפגעמאַכט,
קוקט:
די לעוואָנע האָט זיך פון וואָלקן אָפּגעריסן,
זיין שאָטן פון באהעלטעניש איז ארויס.

ט)

ארויס.
און פריש דער וויכער,
פריי דער שניי —
א ווייסן פליגל האָט אים געבראכט.
אף ווינטן בלויע אכט —
פליט אומרו,
זיין אומרו,
בלוי
בלויט
אין דער נאכט.

י)

און טריט,
זיינע טריט,
זיינע איינזאמע טריט —
דער שניי,
דער שניי טוט פארשיטן;
טריט,
זיינע טריט,
זיינע וואקלענדע טריט —
ווער קען פארהיטן?

יא)

וועט פאלן א שטערן און זינקען אין שניי,
וועט פאלן און זינקען א לעבן.
און דער שניי,
ווייסער שניי,
שניי,
ווייסער שניי,
שטיל וועט פארשיטן,
פארוועבן . . .

א פרילינג טאָג

אויפגעגרינטע טעג —
פלעקט דער רויטברוסט די גרינקייטן פון לאָנען;
אויפגעגרינטע פרייד —
פלעקט דאָס בלוט די גרינקייטן פון וויזיאָנען.
קנאָספּן פּלאַצן,
שלינגען מיט דורשטיקע צינגלאך
טראָפנס גאָלדענע —
זון.

ב)

אלייען.
גאָלד באַזונטע וועגן.
שטופן מאמעס.
פירן וועגעלאך פול מיט פולע טרוימען.
ז
ו
ן.
אויגעלאך זשמורען פון וועגעלאך ארויס.
פינגערלאך פעדימען אין שפּיל,
וועבן גאָלד געוועבן.
„א לעבן!"
רייסט אַפּ די מאמע א היאצינט
און קיצלט מיט דעם דופט די נאָזלעכלאך פון קינד.
שמייכלט דאָס קינד און די מאמע קוועלט:
„גאָט,
ווי שיין איז מיין וועלט!"

ג)

א באנק.
פאר דער באנק די לאגונע.
טויכן אויגן אראָפּ אין דער טיף פונם טראכט.
און אָט —
א זילבערפלעק, אפן בלויען וואסערדעק, האָט אויפגעטויכט.
לאכן אויגן.
און אויך די זון האָט זיך צעלאכט.

ד)

טוליפּאַנען —
בעכערלאַך אין רייען גלייך צעשטעלט,
דורשטיקע ציען.
גאָרן נאָך פאַרשליסונג.
באַהאַלט זיך די זון.
און שטיפעריש,
פון הינטער בוים.
אין שאָטנשיך ווייך,
גאַנוועט זיך שאָטנדיק,
בלייך,
שטיל
שטילער
פאַרנאַכט.
ליפּן האַלב געשלאָסן.
טוליפּאַנען האַלב פאַרמאַכט.

רויטע נעלקעס

אין ווייסן קלייד,
ווי א קאַלע אָנגעטאָן;
נאָך האַלבן טאָג —
אך וועט זיך היינט טאָן!
בלומען און בראַנפּן, לעקאַך און וויין —
אך וועט עס פריילאַך, פריילאַך היינט זיין!

ב)

בלומען?

בלומען און סטייגנגעס לאַנג שוין פאַרגעסן.
פאַרגעסן דאָס ליד פונם פעלד.
געאַקערט דעם יאַם.
געשיפט אונטער וואָלקן,
געקומען איז א קינד אין א וואונדער וועלט.

ג)

אריבער די יאַמען.
שוין אריבער פיל יאָרן.
יאָרן נאָך יאָרן
אין צעפּענצטערטע גאָרן.
פענצטער נאָך פענצטער ארויף צו די הימלען.
פענצטער נאָך פענצטער מיט שטויבגרויען שימלען.

מיט שטויבגרויען שימל די פענצטער
און מיט פרייד פול דאָס הארץ.
שניידן אויגן אדורך,
יאָגן —
אריבער צוואנציק גאָריקע ראָגן.
און זעאונגען ליכטיקע,
רונד מיט דעם רעדל.
דרייען זיך רונד אין געדריי —
ניין,
צען,
עלף,
צוועלף —
געענדיקט דאָס געניי!

ד)

געענדיקט דאָס געניי.
א פייפן,
א טרובען.
א קלינגען פון גלאָקן.
גיי און שטיי.
שטיי אין געדראנג.
קלינג-קלאנג!
מענטשן, אויטאָס
אויטאָס, מענטשן, טראמווייען,
און צוויש טראמוויי און אויטאָ צוויש —
אונטער גומע רעדער —
מיט אן אָפענעם מויל און זוכנדע אויגן,
האָט זי זיך געדרייט,
געדרייט.
און רויט,
מיט רויטע נעלקעכ
פריש געבלומט האָט דאָס ווייסע קלייד.

ה)

אויגן פארמאכט.
נאָר רויטע נעלקעס אראָפּ פון ווייסן קלייד
ברענען ווי פייערן ארויף אין דער נאכט.
און ווי בא דער מאַשין,
אין געדריי,
דרייט זיך א מענטש און שלאנגט אין געוויין.
רויטע נעלקעס אראָפּ פון ווייסן קלייד,
לאָזן א מענטשן פון בעט ניט אויפשטיין.

ו)

ליגט ער.
און פאר זיינע אויגן:
„די לאָרעליי"
(היינעס מאָנומענט)
„ווי שיין!"
און נאָך א גרעסערן מאָנומענט שטעלט ער:
צווישן נעלקעס רויטע —
זיך אליין.

דאָס ניט געזונגענע ליד

בלוי.
פידל בלויע קלאַנגען
צינדן
און צעצינדן
מיט בלויען פייער,
ווי אַף פּריירים
שטילער,
פרייער —
דאָס ניט געזונגענע ליד.

ב)

פארטראכט איז דער הימל געהאנגען
און פארביינקט, ווי איר בויגן אין האנט.
סהאָט א סטרונע נאָך א סטרונע גערופן,
און די נאכט,
ווי ווייררויך דין און קרייזלדיק,
האָט בלוי גענעפּלט,
גרוי געהילט.

און אָט:
דער יאנוס קאָפּ
האָט זיך אַף א זעגל אויפגעהויבן,
אריבערגעבויגן —
טויכט,
באָדט זיך אין זילבער שוים.
שלעפעריק
זי האָט די וויעס אראָפּגעלאָזן.
שיפּט אים נאָך —
אין טרוים.

ג)

„שלים אויף דיינע אויגן!
זע —
מיט וויפל פארבן,
אין וויפל וואסערן עס שפּיגלט זיך די זון,

קאַרמין.
מיט סמאַראַגדן גרין —
איר קלייד.
פונקען שפּריצן פון אירע גאָלד צעלאָזטע האָר.
אָראַנדזש ווייך —
איר טראָט.
אַ וויפל פרייד!"

ד)

זון.
און ווייטער אויסגעשפּרייטער רוים.
זי שנירלט אַף אַ ראָזן פאָדעם דאָס געלעכטערל פון קינד,
אַ בלום פון פעלד,
אַ פערז פון אַ ליבע ליד.
און מיד —
זי קוקט:
דער טאָג פאַרגייט.

ה)

וויפל ביינקעניש!
וויפל בלויער, שטילער טרויער
שאָטנט, שפּינט.
שפּרייט זיך שושקענדיק און פאַרשווינדט
אין גרויען ציטער פון פאַרנאַכט.
און איר טראַכט,
מיט דער דינקייט פון אַ בויגן
צויבערט,
ציט.
און פאַר אירע אויגן:
פידל בלויע קלאַנגען
צינדרן
און צעצינדרן
מיט בלויען פייער,
ווי אַף פרייערים
שטילער,
פרייער —
דאָס ניט געזונגענע ליד.

אין שוואַרץ און ווײַס

נומערן

נומערן. נומערן
און אַט — דיין טיר.
טיר
אויפגעשלאָסן,
און פרעמד איז דיר דיין הויז.
נאָר היימיש איז די מויז,
וואָס קוקט אויף דיר פרעמד.
פארשליסטו די טיר
און גייסט ארויס
פארקלעמט.

גרייט

שטויב — דיין ברויט,
שטויב צו זאַט;
גאז — דיין טרונק,
ביז פארשיקערונג.
ווי א פּאַזש דער „גויעל" דיין טראָט באַגלייט.
און רעדער פיר און אַ גלאָק שטייען אַלעמאָל גרייט.
דיר צו דינען —
גרייט.

דער רידל

שארף איז דער רידל
מיט דער שארף פון נויט.
רידל אין דער ערד,
נאָר די שטאָט גיט קיין ברויט.
גראָבט טיפער דער רידל.
(סוויים ניט פון קיין אָפּשטעל די נויט)
גראָבט, גראָבט
טאָג און נאכט,
ביז ער דערגראָבט אַ שטיקל ברויט.

כוויִעס

די סכירעס אין האַנט
און אַרום מיר — די כוויִעס פֿאַרשריבן.
אַ כוויע אָפּגעצאָלט, אַ ציפֿער אָפּגעריבן.
און אויסגעלייִדיקט איז די האַנט.
נאַקעט ביז ביין.
נאָר כוויִעס אַרום מיר זייַנען אַלץ נאָך פֿאַרבליבן
ווי די שאָמרים שטיין.

פֿאַרלאָרן

דאָס שטופּוועגעלע זייַן אוצר,
זייַן דאַלעס אויך.
זיצט ער באַם וועגעלע געבויגן,
און דרימלענדיק,
אין שאַליקל פֿאַרגראָבן,
כאָלעמט ער אַוועק פֿון דאָס ביסל אָפּגעלעבטע יאָרן.
אַ הוסט,
אַ קרעכץ,
און אַדורכגעזיפּט דורך די פֿוילע ציין
פֿאַלט אַין באָרד אַ וואָרט —
„פֿ אַ ר ל אָ ר ן.“

רייד פון בלוויראַק

שטיי,
דו אייזל קאָפּ!
אַט איך רייס פון דיר דיין בעטלער קלייד אראָפּ.
און מיט דיין אייגענעם שטעקן קריגסטו אזוי לאנג,
ביזט דו וועסט אין דיין בלינדקייט דערזען
און וויסן:
אז מיט דיין אומגליק און צאַר
קענסטו ניט קומען און פּלאָנטערן דעם גאנג
פון די "פיר הונדערט" דאָ
אפן טראָטואר.

מיט זונאויפגאנג

איבער קלויסטער טירן הייגנט דער ציילעם,
איבער לאמבארד טירן הייגנען באלן דריי.
און איבער די זנוס הייזער זיינען די לאָמפּן אויסגעלאָשן.
בלאָנקען היימלאָזע אין כאשכעס ארום.
ראנגלט זיך דאָס לעבן פון פארמאשקנטן,
וויינט ביז האלבער נאכט.
און דער ציילעם
איז מיט זונאויפגאנג,
פון איבער קלויסטער טיר אראָפּ —
זינדיקע נעשאָמעס באגלייטן צו אייביקער רו.

די וואַש פרוי

זיבן קינדער אָן א בעט,
אָן א קישן אפן דיל, קאָפּ אין כאָלעם צו פארוויגן.
א שיקער —
דער מאַן,
און דאָס ווייב —
א שאָטן,
מיט עמער און שמאטע אף די מארמאָרנע שטיגן,
זאמלט איין מיט איר שוויים
דאָס שטיקל ברויט,
טרוקן ברויט,
פאר די קינדער זיבן.

2

קינדער זיבן
און א צווילינג נאָך צו דעם.
וואקסט דער דאַלעס,
וואַקסן שטיגן.
און דער שלאָף שלאנגט אונטער ברעם.
שפּיגלען שטיגן.
און אין שפּיגל:
„דאָס קינד פאלט!"
פאלט איין דאָס הארץ און טוט אַ קלעם
— — — — — — — — — — — —
הענט אויסגעשטרעקט
(אראָפּגעקייקלט פון אלע שטיגן)
ליגט די מאמע ארומגערינגלט פון די קינדער זיבן
און א צווילינג נאָך צו דעם.

אפן ליכטיקן וועג

אפן שטיין איז זיין טראָט הארט און קלינגענד,
און שאַרף איז זיין אויג אף דעם קרייץ פון די וועגן.
און לויפט די שטאָט — ווערט ער פויגל
און פליט;
שפּארט זיך די שטאָט —
עלנבויגן איז ער!

און א גלאָק איז די גאס, און הויך איז איר קלונג,
פריידפילפארביקערשיין!
ווען מיט טויזנטער ליכט בלענדט דער וועג
און יויוולט ארויף מיט לוסט צו דער נאכט —
ווער וויל פינצטער זיין?

ליכטיק דער וועג.
ציען זיך אַלע, געליכטיקטע, צום ציענדן שיין.
און ווער עס פאלט,
שפּריייזט אריבער,
ווער עס קריצט מיט די ציין —
מגייט!
ער גייט מיט.
און סבלוטיקט דאָס הארץ און קלעפּט צום שטיין —
זיינע בלוטיקע טריט.

אין די עלים

הויז אַף הויז און הויף אַף הויף.
און לעבן יעדן הויז און הויף
א מיסטקאסטן מיט מיסט
לעראָוו.
און אַף דעם מיסט,
וואָס פוילט און שטינקט
און וואקסט פון טאָג צו טאָג,
אזוי א גאנץ יאָר —
וואַקסן שטשורעס,
און ווערן גרויס און ווערן פעט,
פלאָדיען זיך אין פרידן
און דערציען —
אבי געזונט —
דאָר נאָך דאָר.

מיינע אויגן

מיינע אויגן
אין די בלוישווארצע ראמען.
די פייערפלאמען, וואָס ברענען אין זיי,
ווער קען לעשן די פייערפלאמען ?
מיינע קני, אונטער בייטש, האָבן שוין לאנג זיך געבויגן.
אנדערש איז אָבער מיט מיינע אויפגעפלאמטע אויגן.
ווער קען לעשן די פייערפלאמען אין די שווארצבלויע ראמען?
דעם פייער פון רעוואָלט ווער קען צאמען? —
מיינע אויגן.

שפיל

קינאָ הייזער,
וואָדעוויל.
שפּילן קינדער ווי געליבטע,
קוועלן טאַטע מאַמע אָן פון שפּיל.
און־אויס־געליבטע,
פאַרבייינקט נאָך שפּיל,
פירן קינדער טאַטע מאַמע
אין קינאָ הייזער,
וואָדעוויל.

צווישן ווענט

דער טאָג איז אָן איין קוינע אוועק,
די נאַכט איז אָן איין שטערן געקומען.
וואַרט שלאָס מיט אַן אָפענעם מויל,
און שליסל — אין האַנט.
מויל פאַרמאַכט.
טיר — פאַריגלט.
און פון וואַנט צו וואַנט,
ווי אַ גלאָק אין דער נאַכט,
האָבן פיס זיך געוויגט
און הענט —
האָבן געפּאָכעט,
געפליגלט.

שווייס

וואָלט דער שווייס,
ווי דער רעגן פאַרזונקען
אין צעאַקערטן שוים פון דער גרויסגעווינערן —
מאַמע ערד.
באַלוינט
וואָלטן געווען
הענט פאַרהאָרעוועטע
און צאַר.

איז אָבער דער שווייס
אויף דעם פאַרשאָלטענעם אַספאַלט געפאַלן
פאַריאָסעמט —
אַזוי אַ רעגע געבליבן.
און איז מיט דעם שטויב גלייך געוואָרן צעריבן —
אונטער דעם שווערן טראָט פון די פוסגייער אין שטאָט.

די איינאונאיינציקע

און אַז ער האָט זיין ליבסטע מיט זיין ליבע ניט געקענט געווינען,
האָט אים די טייווע אויף בלינדע וועגן גענומען.
טאָ וועט ער איצט באַדויערן,
וואָס דער טראָט האָט דעם ציל פאַרלאָרן.
וואָס זיין טייווע האָט אַ קראַנקהייט געבאָרן
אין ליבע מיט אַ גאַסנפּרוי —
זיין אויסדערוויילטע.
איינאונאיינציקע.

דער פּאָרמאַן

נאכט האָט זיך אין פענצטער געשטעלט.
און שאָטן האָט זיך געצויגן צו נאכט.
האָט זי דעם ראָלעט אראָפּגעצויגן.
נאָר אז דער פּאָרמאַן האָט פּירקעפּיק געלאכט.
געבליאָבעט פון טעלער און געלאכט.
האָט זי דאָס פענצטער אויפגעפּראַלט.
און אנטקעגן:
~~און האלט די לעוואָנע אפן בוים איז געהאנגען~~
פעט און קאַלט די לעוואָנע אפן בוים איז געהאנגען.
פעט און קאַלט האָט דער פּאָרמאַן פון טעלער אַרויסגעקוקט.
האָט זי דעם טעלער אָפּגערוקט.
דאָס פענצטער צוריק האַלב פארמאכט.
און די זופּ —
ניט גערירט איז געבליבן,
ביז די קעץ זיינען דורכן פענצטער אריין.
און דאָס האָט געמוזט זיין
ארום זייגער זיבן.

נאָך דער סאלווישן ארמיי

אין נויט —
און טפּילעס געביטן אף אָרימן ברויט.
ברויט און גנאָד,
ברויט און געזאנג.
און פּויק און פּאָן אין זיבן מיילקן גאנג
— — — — — — — — — — — —
און ווערן מיד שוואכע פיס,
פאַלט איינער פון דער ריי —
לויב צו גאָט
און א שפּיי
שיקן די הינטערשטע דריי.

פרעמד

פירן טרעפּ צו טירן —
פאַרקלאַפּט.
אויפגעשלאָסענע טירן —
אומהיימלאַכע ווענט
נאָר
פענצטער
איינס אנטקעגן אנדערן,
האַלב אָפענע,
גיבן זיך די הענט —
פרעמד.

פארשטיינערט

די נאַכט האָט אוועקגעשווארצט,
און אוועקגעשווארצט האָט אויך א טראַכט.
און פינגער פאַרקלעמטע אין שטומען,
איינס נאָך איינס,
אין זונליכט,
האָבן זיך אויסגלייכן גענומען.
און א טרער איז געקומען.
א טראָפן —
גליענדע ברוסט צו קילן פון גליענדער בראַנד.
אָ, גאָט!
האַנט פאַרפּויסט,
קאָפּ אויפגעהויבן,
און פארשטיינערט זי שטייט:
מער די קני ניט צו ברעכן,
מער דעם קאָפּ ניט צו בויגן.

שטילער, שטיל

שטילער פון דער שפּין.
זיי שטיל.
זייד —
דיין פּאָדים.
ניט רעד פון נויט.
שטילער.
שטיל.
הערבסטווינט.
פאַרן פענצטער,
קען דערהערן נאָך אין שפּיל.
שטילער פון דער שפּין,
זיי שטיל.

לאמאטלאך

קאפריז

פויק אין דער לעוואַנע, אזש שטערן זאָלן פליען!

נאַקעטערווינט

נאַקעטער ווינט גראָבט אין מידבאָר זאמד.
גראָבט שטיל.
טוט א בלאָז איבער דער פלאַך פון האנט,
און גאָלדיק דרייט דער זאמד —
אין שפיל.

פאלם ספרינגס קעניאָן

כאָטש שפור פון כאיע איז שוין לאנג פארמעקט,
דאָך דזשאָנגל אָטעם, מיט שרעק פון לויער, האָט מיך אָנגעשטעקט.
און געהערט האָב איך אַ ווייטן לייב געברום אין פעכער שאָרך פון פאלמיקער געדיכט.
און אומגעריכט — א שפרונג — א ריס — פארצוקונג — רויט דער שטיין.
פליסט דער וואסערשטראָם און קלאָגט אין איין געוויין.

בערג און מידבאָר

שטייען ריזן בערג, מיט שימל גרין און ריזן שטים, פארשטיינערט.
און צופוסנס, זאַמען געל, ליגט דער מידבאָר אויסגעשפרייט.
רויט די זון מיט בלוט אין פעכט, א בלוטנדע פארגייט,
לאָזנדיק איר פלאַם —
צו וואָלקן ריטער בראַווע פון גאָלדענעם געשפאַן.

זייץ

אז אלע וועגן שניידן זיך אריין אין בלוט
אלע וועגן!
זייץ.
און זאָלן אָפרינען דיינע טריט.
כהאָב פארגעבן.

אינדיאנער פארב פינזלען

אינדיאנער פארב פינזלען,
אין בלוט געטונקט, מיט טרערן דורכגענומען —
ווילדוואוקס אף פריירים נאָך א לעצטן שטרייט.
בוקעטן לעבעדיקע בלומען —
פריי פאר די „פרייע טעכטער" פון איבער יאמען ווייט.

יונגער אפריל

גאָלדענע גלאָקן אין שנייאיקן בליט,
פרילינגדיק קלינגען צו די ראָז־רויטע־ראָזעס פון יונגן אפריל.
און די ראָז־רויטע־ראָזעס טאנצן
מיט שנייאיקן בליט ארום די שיקערע טריט —
פון גאָלדענע מאראנצן.

וויאָלעטן

פרילינג און וויאָלעטן.
וויאָלעט דער זונפארגאנג.
און איר שאָטן —
וויאָלעט.
וויאָלעטן באם קראנקן בעט.

די קאליפאָרניער מאָנבלום

ארויסגעצויבערט פון גרינעם טורעמל,
געשפילט האָט פרינצעסן גאָלד אנטקעגן דעם גאָלד פון דער זון.
און געענדיקט די שפיל —
שאָטנט פרינצעסן גאָלד אין גאָלד טוך געהילט:
פארשפילט דאָס טורעמל, דאָס טורעמל פארשפילט.

אָפּגעבּרעקלט

אָפּגעבּרעקלט א וואָרט, צי צוויי.
וואָכן אַלטער שווייגען.

ווילדע ראָזעס

קלעטערן ווילדע ראָזעס
איבער פּלויט און איבער דאַך,
קלעטערן און פאַלן
אַף דער ראָז געבעטער שוועל
פון אָפענע פאָרטאַלן.

אומזיסט

דעקן גרויע וואָלקנס איין קאַלט-ווייסע שניי־קעפּ, קודלאַטע.
דעקן איין און וואָרטשען צו — וואו־הו-הו, הו־הן!
בערג פארשטיינערטע אין בלויער שטייגנדיקער רו.
אומזיסט האָב איך א טאָג, מיט זונשיין, אין אייערע קאַרבן טיף געזוכט
צו געפינען כאָטש א שאָטנשפּור פון אייער יוגנט וואו.

א גאָלדשטיק

שיפל אַף שטילוואַסער, אָן וועסלעס, פאַרלאָזן.
און נאַכט —
בלינד אין ווינט.
ס'האָט באַבעצע, פון אירע טראַנטעס, דאָס גאָלדשטיק אויפגעבונדן —
פאַר דיר, אָרים קינד.

נאָכמיטאָג זון

קופּער־גלי און קאָרן־גאָלד —
אָן עפּל א צעשניטענער.
א וועלקע בלום.
און אָפּן מעסערשאַרף, ווי א דראָטגייערן —
פליטערט די זון.

פּוטער בלומען

גילדערנע זונען
און לעוואָנעס זילבערנע אין גראָז.
אַ בלאָז —
זילבערן שטערן
פון לעוואָנעס צעשטויבטע אין זוניקע ספּערן.

אַ גאַנעוו

אַ גאַנעוו דער ווינט האָט אין קוסט זיך פאַרגאַנוועט.
אויסגעטאָן פון זייד ווייסן העמדל ליגט דאָס שטערנדל גאַנץ אַליין.
און ווידער שטיל.
ווער האָט עס געוויינט?
ווער האָט דעם ווינט איבערגעשלאָגן?

ווייסער נעפּריט

ווי פון ווייסן נעפּריט געשניטן —
איר פּראָפיל.
און די צווייגן —
נאַקעטע ווי דער שטאַם,
האַלדזן זיך און שווייגן.

נאָקטורן

וואָסער נאָקטורן
דורך וואָרצל פון בוים, אַף שטיין איבער שטיין.
און איך, אַף שטיין איבער שטיין, באַם וואָרצל פון בוים
מיט לעוואָנע אין נאַכט —
נאָקטורן מיין זעאונג, נאָקטורן מיין טראַכט.

נאָך אַ טאָג

נאָך אַ טאָג מיט רויטן טריפּוואַקס פֿאַרזיגלט!

גלייך

איך האָב אַ נייעם קאַלענדאַר געקראָגן,
בין איך געלאָפֿן מיט דעם בילד צו דערפֿרייען איר האַרץ.
האָט זי אַ קוק געטאָן און שטיל געזאָגט:
עס ציילט ניט דער בוים די בלעטער, וואָס פֿאַלן.
און פֿאַר מיר זיינען אַלע טעג גלייך.

לעמער אין זון

לעמער אין זון,
געבעט אַף ווייך גראָזיקע רייכן,
ציען מיט דורשטיקן מויל
צום מויל פֿון יונגברוסטיקע טייכן —
אין זון.

שניי ליכט

זיבנאונצוואַנציק רערן זילבערדיק פֿאַרצווייגט,
מיט ליכט פֿון קלאָרן שניי געצויגן,
טראָגט קאָפּ פֿון באַרג
געהויבן,
צו דער טאַמוז־טייוועדיקער נאַכט.

פֿאַרווירט

שטיפֿמוטערלאַך,
מיט אויגלאַך צעפּלעמלט אין זון,
לאַבן פֿון די פֿאַרווירטע שמעטערלינגען.
נאַרישע!
וואָס זוכן זיי זיך אום?

יאַם פערד

לעוואָנע —
א גאָלדענער צוים.
טראָגן זיך יאַם פערד ארויף, יאָגן זיך יאַם פערד אראָפּ,
מיט גריוועס פון פּאַספּאָר און מיילער פול שוים,
אין ווילדן גאַלאָפּ.

יאָנקווילן

יאָנקווילן?
אָט איז די וואזע.
און הער —
אויך די בין איז דאָ!
אך ווי גוט עס וועט זיין צו באַפליגלען כאָטש אן איינציקע שאָ.

טריט

שאָרך פון שטעקשיך —
שעפּטשנדע טריט.
טריט —
אָטעם אָפּגעהאקטע
לידער.

נארציסן

אויסגעבלייכטע נארציסן.
און שווער, ווי זייער אראָמאט, איז איר טרויער.
וויגט זי זיך אין וויגשטול, וויג, וויג, וויג.
אַ טרער:
און אין טרער — נארציסן פולע קריג.

די זשאַבע

מאַכיקער אומעט.
וואָס וויל די זשאַבע מיט אירע זשאַבעדיקע רייד?

די נעלקע

וואָס האָסטו זיך פֿאַרקוקט?
און אַז די נעלקע האָט זיך איבערגעבראָכן. נו איך מיין —
נאַרעלע, — אָט שטעל איך איבער די בלומען:
דאָ די אַסטער, די דאַליע דאָ,
די נעלקע אַרויסגעוואָרפֿן — און ס'איז ווידער שיין.

אויסגעלאָשן

ס'האָט זון געלייגט די פֿאַרבן אויף פּאַליטרע.
און פּינזל האָט מיט זיבן פֿייערן געברענט.
זון אויסגעלאָשן —
ליגט פּאַליטרע אין איין העמד,
און נאַקעט, אין לעצטן פֿייער, דער פּינזל ליגט פֿאַרשעמט.

די אירים

געפּאַנצערט,
פֿעסט די הענט אַרום האַנט פֿון שווערד,
שטייט אירים,
די וועכטערן פֿון גאָרטן,
אויף דער וואַך.

נאָוועמבער נאַכט

לעוואָנע
צווישן וואָלקנדיקע פֿעטאַלן —
אַ שטיפֿמוטערל צעבליט.
לעוואָנע פֿאַרפֿליט —
אַ שטיפֿמוטערל צעפֿאַלן.

אַפּאַלענער וואַלקן

אַפּאַל —
דער וואַלקן.
ווען מוואָלט געקענט דעם אַפּאַל אויסבייטן!
נאָך היינט נאַכט —
א שפּאָגל נייעם מאַטראַץ וואָלט איך דיר געבראַכט.

פאַרגאַנצט

צו האָבן דאָס לעבן פאַרגאַנצט אין א טרער.
א טרער —
פרוכטבאַר ווי די ערד, מיט לעבנסווייטאָק שווער.
אן איינציקע טרער.
און גאַרניט מער.

בערגלאַך

ליגן בערגלאַך ווי יאַקעווס שאָף געפלעקט,
געפינטלט און געפּאַסט.
און זון פון הינטער וואָלקן שפּאַסט.
טוקט אַריין און טוקט אַרויס.
און בערגלאַך שיילן זיך — פון פלעקן, פינטלען, פּאַסן אויס.

גאָלדבלומען

אין געטוניקטע פילגעפאַלדטע קרינאָלינעס
טאַנצן די גאָלדבלומען א מינועט.
האַלט אן אויער די לעוואָנע.
און קאַלט דער ווינט און בלוי פון אייפערזוכט
גייט א פּירועט.

מאדאָנע פרילינג

פלאַטער פון גאָלדענעם שמעטערלינג אין בעכער פון רויטן טוליפאַן —
מיין לאַמפּאַדע פאַר מאדאָנע פרילינג געצונדן.

מוטנע

מוטנע דיינע אויגן. מוטנע דיין געלעכטער.
ווער האָט אויפגעשטורעמט דיין האַרץ?
אין שטויב, בא דיין בעט, ליגן פּוסטריט אין שווייגן.
איצט זע איך:
דאָס האָט נאַכט, איבער דיין פענצטער, דעם סערפּ אויפגעהאַנגען.

דער בעזימשטרויך

טרעלט דער קאַנאַריק, בלומט דער בעזימשטרויך.
יעדער טרעל — א בלימל געל.
האָב איך ריטלאַך פון בעזימשטרויך אָנגעשניטן,
ריטלאַך פון בעזימשטרויך אין וואַזע אריינגעשטעלט.
און זיס איז די לופט, ווי דער קאַנאַריק טויזנטשטימיק וואָלט געטרעלט.

ליכט און שאָטן

בוים אין שאָטן, בוים אין ליכט.
קומט לעוואָנע אומגעריכט.
גיסט מיט ליכט אָן פול מיין האַנט,
און מאָלט אין שאָטן —
מיין פּאָנים אף דער וואַנט.

א שטערנדל

זון —
אין ראָד פון טאָג פאַרלאָרן.
און נאַכט — זע, שוין,
פּיקט א שטערנדל. זאָל עס פּיקן.
בליט געגנוג וועט נאָך בלייבן אפן קאַרשן בוים.

שטיפמוטערלאַך

אויסגעטריקנט האָט דאָס וואַסער אין שאָל.
ווען דו וואָלסט געקענט מיט אַ טרונק די שטיפמוטערלאַך דערפרישן.
אָרימע!
נאָר איין זון האָבן זיי געזען.
אָך, ווען סוואָלט דאָ נעכטן אימיצער געווען.

נו, שאַ

אַלץ ריין געמאַכט.
נאָר מדארף נאָך פון די ווינקלען דאָ —
אויסראַמען די שפּינען.
נו, שאַ, איך טשעפּע ניט,
אַז דו האָסט אַזאַ טרייסט און פרייד אין זיי געפונען.

אָ, זון

אַ שנירל וואַסער, אַ קו און קעלבלאַך צוויי.
אַ פערד, אַ לאָשיק, אַ סטאָגע היי.
און באַרג און בערג —
אין אייניקייט אַרום.
אָ, זון!

אַ דאַנק

און אויך דער בריוטרעגער טוט מער ניט קומען.
און דער טאָג איז אַזוי לאַנג. און דער טאָג איז אַזוי גרויס.
אַ דאַנק, אַ דאַנק דיר, זון,
וואָס דו ברענגסט כאָטש דעם אַלט־קודלאַטן הונט —
אויף די טרעפּ פון הויז.

אונטער נאָגל

זון בלוטעט, א פארצוקטע, אונטער נאָגל פון נאכט.

קלאָרער ווייַן

אויפגעראָלטער פרימאָרגן אין פארמעטן געל.
שטייט דער וואלד פון שירע באַנומען.
צעטענצלט די בין
האָט זיך מיט די בלומען צעקושט.
און קלאָרער וויַין האָט פון די הימלען געדונען.

דערזינגען

וויג פון וויגשטול אין שאָטן קיל.
וויגנדער לאמענט.
באנאכט דערזינגען וועט די גריל
צום צאנק פון ליכט —
אין ווייסע הענט.

א בעטלער

מהאָט אין טיר געקלאפט —
האָב איך גערופן.
אַן ארימאַן איז אריין און זיך פאר מיין אָרימקייט פארשעמט.
ער איז ארוים —
און דעם גאָלד פון זיין בראָכע מיר געלאָזן.

די שפין

פליקט דער ווינט די צעפעדימטע גארדינען.
און אין ווינקל —
די שפין
פארוועבט דאָס גאָלד פון באגינען
אין א נייעם גארדין.

א קאלע

קוועלט א שמייכל אין אירע מוטנע אויגן:
דאָס לייַלאך —
איר כופּע קלייד.
א קאלע —
מיט אלע איינאונצוואנציק זומערן זיך אָפּצוגעבן גרייט.

די ראָזע

סהאָט דער דעפּאָדיל אף זיין גאָלדענעם טרומייט געלאָזט הערן:
איר מאיעסטעט, די ראָזע, נעמט אויף די זון.
האָבן שמעטערלינגען טויזנטפארביק זיך צעפלאטערט.
און די ראָזע, זיס אין איר פארפיום,
האָט זיך קעניגלאך פארנויגט.

אָפּגעשיקט

געקומען איז דער מאָרגנווינט און געזעצט זיך בא איר בעט.
געהאט אזויפיל צו דערציילן.
„צו שפּעט!"
און זי האָט אים אָפּגעשיקט אין פעלד
צו איבערמעסטן די אויסגעמאָסטענע פיר איילן.

מיר אויפגעמאכט

די האָר פארפלאָכטן אין צוויי לאנגע צעפּ.
ציילט זי אירע פינגער —
צען וואקסענע ליכט אנטקעגן נאכט.
טיר אויפגעמאכט.
און מיט שמעקנדיקע לעוואָנע בלומען אויסגעשאָטן איז דער וועג.

אָן

אָן אַ שטערן די נאַכט.
אָן אַ הימל!

די מויז

פאַר אַ פלעמל — אַ נאָגל די גרויס.
פאַר אַ ליכט — אַ פינגער די לייננ,
— נאַכט!
וואָס גראַבלט די מויז?
אַז גאָר די קוואָרים פון דער וועלט שטייען אָפן.

אפן בוזים פון ליד

קאָפּ —
אַף בוזים פון ליד אין טרויער.
פינגער אַף טשעלאָ —
פאַרגליווערט אין שפּיל.
שטיל, עבאָ אין טויער קלאַפּט שטיל.

ליגן

ליגן —
און הערן דעם פעפער בוים זיך וויגן;
ליגן —
זען די פרייד פון אַן ערשט געבאָרן שטערנדל אין נאַכט,
און ליגן.

פארן קיסיי האקאָוועד

.
. .

דאָס גראָז אונטער מיינע טריט האָט ראַכמים געבעטן,
האָב איך זיך אָפּגעקערט און אוועק מיט דעם זאמדיקן וועג.
און אויך דאָס זאמד ווײנט אונטער מיינע טריט;
„גאָט,
שיץ און באהיט."
און דאָס איז דאָך אויך מיין געבעט.

.
. .

ווייל אייביק און אומפארענדערלאך ביזטו,
האָט אן אייביקייט געזוכט דיין געשטאַלטונג צו דערקענען.
און האָט א בענאָדעם דיך דערקענט —
„פּאָטער!"
האָט ער אויסגעשריען.
און בין איך דען ניט דיין זון?

.
. .

דעם הימל האָסטו דאָס ליכט פון דיין אויג געשאָנקען.
דער ערד —
די זריע פון דיין האַנט.
און מיר,
דיין אויסדערוויילטן,
דעם שוויים פון דיין שטערן
און דעם ווייטאָק פון דיין הארץ —
בוירע מיינער.

.
. .

איז אַלעס אין דיין נאָמען וואָר!
און פול מיט דיר איז יעדע צייט פון יאָר.
און ווי קען גאָר אַנדערש זיין?
איז ניט אַ לעסטערונג דעם נאַגידס צדאָקע טיילעריי?
און איז ניט אַ פאַרשוועכונג דעם קאַמצנס שפּאָרזאַמקייט?
אַז דו ביזט דאָ.
געווען.
און דו וועסט זיין צו יעדער צייט.

.
. .

פון דיין גרויסקייט צו דערציילן,
האָבן זיי דיין וואָרט אין אָן אָרנקוידעש איינגעשלאָסן;
דיין ליכטיקייט צו ווייזן,
האָבן זיי דיין אָפּגעשטאַלט אַף פענצטער געמאָלן.
און פינצטער איז אין אָרנקוידעש —
דיין גרויסקייט ניט אָנצוטאַפּן;
און דיין אָפּגעשטאַלט, אין געקרייציקטן,
וויינט אַראָפּ מיט בלוט
פון די פענצטער.

.
. .

אויפבינדן די וואונדן,
דאָס פּרוטעדיקע האַרץ אויפקניפּן,
און אַזוי —
האַכנאָעדיק,
מיט טאַכנונים
פאַר דעם קיסיי האַקאָוועד זיך שטעלן.
נאָר אַז דער פאָטער איז אַ קעניג מיט אַ סצעפּטער אין האַנט,
ווי קען דער פּרינץ,
ווי אַ בעטלער,
איבערטרעטן דעם גינגאָלד פון זיינע שוועלן,
ניט שטעלנדיק די קרוין צו שאַנד?

*
* *

קינדער טראָגן דעם כעט פון עלטערן אין זייער בלוט.
איינציקלאַך צאָלן פאר די זינד פון זיידעס.
אָבער דו,
וואָס דו טראָגסט אין זיך דעם אָנהויב פון אלע אָנהויבן —
פאר וועמעס זינד צאָלסטו?
וואָס טיילמאָל ברענט אויף דיין גרימצאָרן ביז צו מיינע אינגעווייד,
און גרייט איז דיין האנט
דאָס קינד פון דיין באשאף צו פארווישן
פון פּאָנים פון דער ערד.

*
* *

קען איינער זיך אָפּהאקן א פינגער און בלייבן צופרידן מיט די ניין?
קען איינער זיך בלינד מאכן אף אן אויג און ניט בייגקען נאָך דאָס ליכט?
איז וויפל איך זאָל ניט וועלן אנטרינען,
זיך אָפּקערן פון דיר —
קער איך זיך דאָך צוריק.
און איך פריי זיך פון דאָס ניי מיט דיין שאָטן הינטער מיין טראָט.
מיט דער ליבע פון דיין האנט —
אין מיין טואונג.

*
* *

איינער האָט דיר די הימלען אָפּגעגעבן,
און פאר דיינע נאָזלעכער דעם בראנד פון קאָרבאָנעס געבראכט;
א צווייטער האָט דיר אלע וועלטן געשאָנקען,
און זיך געשטעלט אין דער מיט.
איך האָב דיך פאר א כאוווער אויסגעקליבן —
ווילסטו מיך אראָפּפירן פון וועג?

* * *

איז וואָר,
אַז אייביק פאַרענדערלאַך ביזטו —
בוירע מיינער!
האר פון אַלע וועלטן.
טאָ ווי זאָל, אַ שטערבלאַכער, דער זון
(דאַרבן זאָל מיין זאָמען!)
דערקענען, אין אייביקייט, דעם פאָטער פון זיין נאָמען?

* * *

מיט אַ וואַרעמקייט, ווי פון אונטער פליגל,
האָסטו זיך באַזעצט אין מיין האַרץ —
האָב איך דיר דעם סאָד פון מיין נעשאָמע פאַרטרויט.
און כאַרעוו איז מיין נעסט.
און אַף דיין אָרט האָב איך אַ שטיין געפונען.
האָט דיך דער שטורם פון מיין נעשאָמע פאַריאָגט?
צי האָט דיך דער ווייטאָק פון מיין האַרץ פאַרשטיינערט?

* * *

רעד איך —
איז דאָך עס דיין וואָרט.
און טוט מיין האַרץ אין פורכט ציטערן,
און זאָג איך:
— מיין טאָג איז געענדיקט! —
האָט אויך דיין זון אויסגעבערענט?

* * *

געבארגט האָב איך דורך נאכט געבערג ארויף צו די הימלען,
און געזונקען האָבן מיינע קני, אין שטויב, צופוסנס פון די בערג.
אויפגעגאַנגען איז די זון.
און צעפאלן זיינען די געבערג פון פאר מיינע אויגן.
נאָר אין שטויב,
ווי א שאָטנפלעק, ניט אָפּצואוּווישן —
געבליבן איז דער אָפּדרוק פון מיינע קני געבויגן.

* * *

יעצירע,
האָט מען מיר געזאָגט איז דיין נאָמען.
האָב איך אין דיין נאָמען א וועלט באשאפן און געגלויבט.
נאָר דער צווייפל האָט זיך אומגעקערט.
איז דאָך ניט צווייפל —
דיין נאָמען.

* * *

ווייל באָדנלאָז בין איך,
דערפאר עפשער מיין ענלאכקייט צו דיר;
און ווייל מיין טראכט האָט ערד און הימל ארומגענומען,
איז דיין אלמעכטיקייט מיט מיר.
און דאָך,
א כאָלעש בין איך.

דער מאָנומענט

אין הינטערגרונט — פאנטאסטישע בערג
און ביימער. ביימער אויך רעכטס און
לינקס פון דער בינע.
נאכט.

דיכטליעל

(מיט געבעט):
נאכט רונד אין כאָלעם פארשפּונען,
עפן דיין אויג!
און זאָל דיין שטערנשטויב
א בליץ,
א גלימער טאָן.
שיינק, נאכט, אביסל פרייד.

(עס בליצט אויף א שטערן. גלייך א צווייטער. מיט פרייד)
א שטערן, א שטערן.
אָ, שטערנדלאך צוויי!

(פּאוזע)
שפּילט אויף, איר שטערן,
צום טראכט פון מיינע באגערן,
שפּילט אויף אייער ליד.

(פּאוזע)
וואָס זע איך, וואָס? וואָס זע איך, וואָס?

(פון צווישן די ביימער ווייזט זיך א פולע לעוואנע)
סהאָט נאכט איר אויג געעפנט.

(שטעלט אן די האנט איבערן אויער. הערט צו)
וואָס הער איך, וואָס? וואָס הער איך, וואָס?
ווער זינגט עס דאָרט? ווער רופט עס דאָרט?

(לויפט צו לינקס, רופט)
אי אָ אָ!

(ניט קריגנדיק קיין ענטפער אף זיין רוף. שטיל ווי צו זיך)
קומט זי?
איז עס זי אליין?

(שטריינגט אן דעם אויער. הערט צו)
וואָס דערציילט איר שטים? וואָס דערציילט איר קאָל?
איז עס פרייד, צי אַ געוויין?

(פּאוזע. דערפרייט)
עס איז איר שטים. עס איז איר קאָל.

טראַגדאַרע

(קלינגענד איר שטים פֿון הינטער דער בינע):

אַ אַ אַ, אַ אַ אַ! אַ אַ אַ, אַ אַ אַ!

דיכטליעל

זי קומט.

(מיט באַגײַסטערונג, און שטיל ווי צו זיך)

לאַקן,
אירע לאַקן —
אַ וואַלקנפֿלעכט.
אויגן —
בלויע פֿייגלען צוויי.
אירע ליפּן —
קיופּידס בויגן.
אירע פֿיילן, ליבעס פֿיילן —
וועמען,
וועמען טרעפֿן וועלן זיי?

טראַגדאַרע

(שטים נאָך נענטער):

אַ אַ אַ, אַ אַ אַ! אַ אַ אַ, אַ אַ אַ!

דיכטליעל

(שפּרינגט אָפּ אין אַ זײַט, באַהאַלט זיך הינטער אַ בוים).

טראַגדאַרע

(אַראָפּשטײַגנדיק פֿון די בערג מיט אַ ווײַסן טוך אויף די אַקסלען פֿאַר־וואָרפֿן. אַ גרינ צווײַגל אין האַנט):

אַ אַ אַ, אַ אַ אַ! אַ אַ אַ, אַ אַ אַ!

(בלײַבט שטיין אין פֿאָדערגרונט פֿון דער בינע)

דיכטליעל

(אַרויס פֿון באַהעלטעניש. פֿליסטערנד הינטער טראַגדאַרען)

טראַגדאַרע.

טראַגדאַרע

(זיך אומקוקנדיק. איבעראַשט):

דיכטליעל!

דיכטליעל:

אַליין?

טראַגדאָרע:

סהאָט די נאכט פליגלגרינג אף די הענט מיך געבראַכט.

דיכטליעל

שיין איז די נאכט!

טראַגדאָרע

(רייסט די בלעטלאַד פון צווייגל. קוקט ארויף צום הימל):

שיין איז די נאכט.
ליב איז די לעוואָנע און שטערן.
וועמען לייכט אָבער די לעוואָנע און שטערן?
וועמעס פרייד איז די נאכט?

דיכטליעל

(פארוואונדערט):

טראַגדאָרע!

טראַגדאָרע:

איך האָב אין כאָלעם אויפגעוואכט,
און כאָלעמענדיק געציילט האָב איך די שטערן.
איין שטערן איז געפאלן און אויסגעלאָשן זיך אין נאכט.
וועמעס גוירל איז דער שטערן?

דיכטליעל

(טראכט א ווײַלע)

בלוי — דיין כאָלעם.
ווייס — מיין גלויבן.
גוי קומסטו צו אזא טראַכט?
ניט דיין כאָלעם, ניט מיין גלויבן,
ניט דיין גוירל, ניט מיין גוירל,
אויסגעלאָשן האָט די נאכט.

טראַגדאָרע:

סהאָט א זינגפויגל מיך אויפגעוועקט.
ווי פון די ווייטעסטע ווייטן האָט זיין זינגען אָפגעקלונגען.
מיט אויגן פון שלאָף נאָך פארקלעפט בין איך צום פענצטער צוגעגאנגען.
און גלייך בין איך צוריקגעשפרונגען.

(כאפט אָפ דעם אָטעם)

א בלינדע קראָ איז פון בוים געפאלן.
געפאלן מיט א וויינענדן געשריי.
וועמעס קראָ איז דאָס געפאלן?
ווער געפאלן איז אין ווײ?

דיכטליעל

(געטראַפֿן. טראַכט א ווײַלע. שטיל):

ווי פון דער ווייטעסטער ווייט האָט דאָס זינגען אָפּגעקלונגען?
בא דיין פענצטער, א בלינדע, געפאַלן איז די קראָ?

(פאוזע. שטראַלט אויף)

סהאָט דער פויגל מיין ליבע אויסגעזונגען.
אויסגעוויינט מיין פּיין האָט די שווארצע קראָ.
סהאָט די נאַכט מיין שטיל געבעט פארנומען —
טראַגדאָרע,
די שאָ איז געקומען,
אונדזער שאָ.

טראַגדאָרע:

אונדזער שאָ?

(קוקט אים אריין אין די אויגן)

דער זינגפויגל ביזטו.
און דו ביזט אויך די קראָ.

(פאוזע. פארטיפט)

און איך?
בין איך ניט דער שטערן?
דער פאַלנדער שטערן אין נאַכט אליין?
און איז דאָס געוויין פון דער קראָ ניט אמאָל מיין געוויין?

דיכטליעל:

אָ, ניט דיין שטערן איז אין נאַכט געפאַלן.
ניט דיין געוויין איז דאָס געוויין פון דער קראָ.
פאַלן שטערן — מיינע טרערן.
דאָס געוויין פון דער קראָ —
מיין געוויין
אין דער פארצווייפלטער שאָ,
מיין איינזאמער שאָ.

טראַגדאָרע

(מאכנדיק א פּאָר טריט אין באטראַכטונג. בלייבט שטיין)

דיכטליעל

(הינטער טראַגדאָרען):

און דו ביזט דאָ און איך בין דאָ —
גרייט דיך אונטער מיינע פליגלען נעמען.

צו די הימלען דיך דערהויבן,
טראַנגדאָרע,

(שטרעקט אויס די האַנט)

כהאָב מיין פליגל אויסגעצויגן.
אויסגעצויגן —
לאָמיר פליען.
און ווילסטו אין רו דיין קאָפּ אַנבויגן?
ווילסטו שלומערן אין בלויער נאכט?
זע,
די לעוואָנע —
א גאָלדווייכן טעפּיך האָט פאר מיין ליבסטער אויסגעצויגן.
בויג אָן דיין קאָפּ. שליס צו די אויגן —
פליגלען איבער דיר,
דיך היטן
וועט א צערטלענד-ציטערנדער
מיין טראכט,
אין בלויער נאכט. אין ווייטער נאכט.

טראַנגדאָרע:

ווי קען איך פליען?
ווי קען איך שליסן די אויגן,
שלומערן אין בלויער נאכט?
אז בלוטיקן,
בלוטיקט מיין הארץ,
און ווי אן אונטערגעשאָסענער פויגל
צאפּלט,
צאפּלט זיך מיין טראכט.

דיכטליעל:

איז וואָס זשע האלסטו פארשפּארט דעם פויגל
און פארשלאָסן האלסט דיין טראכט?

טראַנגדאָרע:

און אז איך וועל שוין עפענען מיין שטייג,
וואו וועט מיין פויגל געפינען רו?
און אז איך וועל שוין עפענען מיין הארץ,
וואו וועט מיין וואָרט געפינען טרייסט?

(דריקט די הענט צום הארצן)

שלאָף,

פויגל מיינער,
שלאָף פויגל, מיין צעבלוטיקטער,
שלאָף שטיל אין דיין שטייג אליין;
זיי שטיל, מיין הארץ,
שלאָף,
וואַרט מיינס,
מיין וואָרט, זיי שטיל, ניט וויין.

(קאָפּ געבויגן שפּארט זי זיך אָן אַן א בוים, רייסט די בלעטלאך פון צווייגל).

דיכטליעל:

וואָלסטו נאָר דעם פויגל ארויסגעלאָזן,
דיין וואָרט געלאָזן פריי.
וואָלסטו נאָר באפעלן און גערופן.

(פּאוזע)

טויבן ווייסע,
די ריינסטע טויבן האָב איך דיר געשיקט.
און דו האָסט צוריקגעשיקט מיינע טויבן.
טרויבן פולע,
די בעסטע טרויבן האָב איך דיר געשיקט.
און דו האָסט צוריקגעשיקט מיינע טרויבן.

(פּאוזע)

דער לאָרבער קראנץ האָט מיין קאָפּ באקראנצט —
פאר דיר מיין קראנץ;
מיט רום איז מיין קאָפּ באקרוינט —
פאר דיר בויג איך מיין קאָפּ!

טראגדאָרע:

עס טראָגט דיין קאָפּ דעם לאָרבער קראנץ.
און מיין קאָפּ — א קראנץ פון בליטן.
די פרילינג ווינטלאך
טראָגן נאָך פאר מיר די לוסטיקייט פון שפּיל.
און פאר דיר טראָגט שוין דער הערבסט
דאָס בייזע ליד פון שטורם.

דיכטליעל

(מיט פּאטאָס)

און דער הערבסט האָט גאָלד געגנוג,
און טרויבן רייפע,

אַנגעקוואָלענע,
ביז אומוועלטן צו פאַרשיקערן.
און איך טראָג דעם הערבסט און דעם פרילינג,
טראַגדאַרע.

(פּאוזע)

לאָז פאַלן דיין בליט אױף מיין געבױיגענעם קאָפּ.
לאָז פאַלן דיין וואָרט אױף מיינע ברענענדע ליפּן.
דורשטיק בין איך, טראַגדאַרע.

טראַגדאַרע:

סהאָט דיין קאָפּ דעם בליט נאָך ניט אָפּגעטרייסלט,
דאָך איז דיין פרילינג שוין אוועק.
ווי דער זומער גרין איז נאָך דיין ליבע,
דאָך בלאָזט מיט הערבסט פון דיין יעדן וואָרט.

דיכטליעל:

פאַרוואָס זינגסטו מיר פון הערבסט?
פאַרוואָס לאָזטו מיך מיט די ווײנבלעטער
און נעמסט די טרויבן פון מיר אוועק?
פאַרוואָס צווייפלסטו אין מיין ליבע?
פאַרוואָס טרויסטו ניט מיין וואָרט?
ענטפער, טראַגדאַרע.

טראַגדאַרע:

וואָס אנדערש זאָל איך דיר זינגען,
אויב ניט דאָס ליד פון הערבסט?
ווי זאָל איך ניט צווייפלען אין דיין ליבע,
ווי קען איך טרויען דיין וואָרט —
אז די,
וואָס זיינען צו דיר מיט דעם פרילינג גלייך געקומען,
האָסטו מיט דיין הערבסט אַטעם פאַרלענדט.

(מיט פאַרוואורף)

פאַרן אַלימפּ האָסטו מיזבייכעם געשטעלט.
אין דינסט צו אַפּאָלאָנען האָסטו קאָרבאָנעס געבראַכט.
דאָס הייליקסטע,
דאָס טייערסטע פון לעבן —
דיינע ליבסטע האָסטו מאקריוו געווען

(פּאוזע)

האָסטו געמאָלען דיין ליבע ניט געשוואָרן?

און שפּילנדיק מיט אירע פּינזלען,
האָסטו איר פּאַליטרע ניט באַגאַנוועט?
און אָן איר האָסטו פאַרגעסן.
און פון איר ליבע איז בא דיר בלויז אַן אָנדענק געבליבן —
דיין ליד.

דיכטליעל:

איך האָב געמאָלען געשוואָרן.
און האָב איך זי דען ניט געליבט?
זי האָט מיר אירע פּינזלען צום שפּילן געגעבן,
און ווי א קינד האָב איך זיך פאַרשפּילט.

(פּאַוזע)

איינמאָל נאָר איבער דער פּאַליטרע א שמיר געטאָן.
און דער מיש פון פאַרבן,
דאָס ליכט און שאָטן שפּיל
האָט מיך מיט א ווייזיע אָנגעצונדן.
אָנגעצונדן און אויפגעבונדן,
אויפגעבונדן און געטראָגן,
איבער גאָר דער גאָרער וועלט פאַרטראָגן.

(פּאַוזע)

בין איך דען שולדיק,
וואָס געמאָלע האָט מיר אירע פּינזלען צום שפּילן געגעבן?
וואָס אירע פּינזלען, ווי דורך מאגיק,
האָבן מיין ליבע פאַרוואַנדלט אין בילד?
זאָג,
וואָס אַנדערש האָב איך געקענט טאָן
אָן אָנגעצונדענער, אויפגעבונדענער —
אויב ניט אויפהויבן
מיין ליד?
און דו האָסט דאָך ניט קיין פּינזלען,
טראַנגדאָרע.

טראַגדאָרע

(גייט אום פאַרטראַכט).

פרויען ווידערקאָל:

בלומען. בלומען.
ווי דער פויגל — זיין ליד,
טראָגן ליבע — די בלומען.

און דער געליבטער טראָגט בלומען,
אי לידער.
און א פייער איז זיין שטימע און א בלום איז זיין וואָרט —
גלויב ניט זיין ליד.
בעט א סימען, טראגדאָרע, בעט א סימען.

טראגדאָרע:
איז ניט עמעס?
האָסטו געמוזין דיין ליבע ניט געשוואָרן?
און שפּילנדיק מיט איר לירע,
האָסטו אירע סטרונעס ניט באגאנוועט?
און אָן איר האָסטו פארגעסן.
און פון איר ליבע איז בא דיר בלויז אן אנדיינק געבליבן —
דיין ליד.

דיכטליעל

(שלייכט אום פארטראכט).

מענער ווידערקאָל:
בלומען. בלומען.
ווי דער פויגל — זיין ליד,
טראָגן ליבע — די בלומען.
און די געליבטע האָט ליב בלומען,
אי לידער.
זינג, דיכטליעל.
צינד זי אָן מיט דיין ליד,
מיט דיין פייער,
דיכטליעל.

דיכטליעל:
איך האָב געמוזין מיין ליבע געשוואָרן.
און מיט דעם ברען פון מיין נעשאָמע האָב איך געמוזין געליבט.
און זי אויך, טראגדאָרע,
זי אויך האָט מיט איר שפּילצייג גערייצט.

(פּאוזע)

די לירע פאר מיינע אויגן אויפגעהויבן —
א בלענד,
און אָט —
די לירע אין מיינע הענט.

א פיר איבער די סטרונעס,
א שפּיל.
און פון מינאָר קלאנג געמאניעט,
פון מאדזשאָר קלאנג געצווינגן —
וואָס האָב איך ניט געהערט?

(פּאוזע)

פויגל געזאנג און בלום געפליסטער.
פרייד־רוף פון א פארליבטער אפן העכסטן טורעם פון גליק
און טרויער־שלונג פון דער אויסגעליבטער,
פארגעסן און באטריגט.
באזויפענעם געלעכטער פון באטרונקענעם אין שיינק
און דעם ווייגעשריי פון די פארשאָטענע אין די מינעס.
געפרעפל פון קניענדע פארן אלטאר פון דער מאדאָנע
און דאָס לעסטערן פון העפקער יונג אין פּאָנים פון לעבן.
פליגל טויט פון א מוטער נאָכן איינשלעפערן איר קינד
און דעם שטיוול גאנג פון קעמפער באַם געבורט פון א נייער וועלט.

(פּאוזע)

טראגדאָרע!
בין איך דען שולדיק,
וואָס געמוזי האָט מיר איר לירע צום שפּילן געגעבן?
זאָג, טראגדאָרע, זאָג.
זאָג וואָס אנדערש האָב איך געקענט טאָן
אָן אינספּירירטער,
געפאנגענער,
מיט מוזיק פול מיין יעדער גליד —
אויב ניט אויפהויבן
מיין ליד?
און דו האָסט דאָך ניט קיין לירע,
טראגדאָרע.

טראגדאָרע

(טראכט א ווײַלע)

און האָסטן געארבין ליבע ניט געשוואָרן?
מיט איר צירקל און ווירע געשפּילט
און אירע ארכיטעקטור וועגן פארנומען!
און געטאנצען.
האָסטו געטאנצען ליבע ניט געשוואָרן?

געשפּילט מיט אירע צימבאַלן,
און דעם אָטעם פון איר טאַנץ איינגעזויגן,
און אַוועק.
און ביידן האָסטו פאַרגעסן.
און פון ביידן איז בא דיר בלויז אַן אָנדיינק געבליבן —
דיין ליד.

דיכטליעל:

עמעס, טראַגדאָרע, עמעס.
געאַרכין און געטאַנצען האָב איך ליבע געשוואָרן.
און זיי,
זיי האָבן מיך גענאַרט!
בלויז פאַנגען האָבן זיי מיך געזוכט,
אום פאַר אַן אייביקן שקלאַף צו אַפּאָלאָנען איבערגעבן
און פריי בין איך!
פריי פון געאַרכין און געטאַנצען,
פון געמאָלען און געמוזין פריי.

(פּאַוזע)

אַן אויסגעטאָנענער פון ליד,
מיט די פיס אַן איינגעוואָרצלטער אין דער ערד,
שטיי איך פאַר דיר,
טראַגדאָרע.

טראַגדאָרע:

דיכטליעל האָט זיין ליבע צו זיין ליד פאַרשפּילט,
זיין פייער האָט ער אין קאַלטן פערז אויסגעגאָסן.
איצט טראָגן די פערזן —
זיין ליבע;
און די ליבסטע —
זיינע פערזן.

(פּאַוזע)

און וואָס וועט זיין מיט מיין ליבע?
פון מיין ליבע,
וואָס וועט ווערן בא דיר,
דיכטליעל —
מער ווי אַ ליד?

דיכטליעל:

שוואַנען,

ווייסע שוואנען זיינען מיינע פינגער;
לאָטאָסן ווייסע,
א ווייסער לאָטאָס איז מיין וואָרט.

(פאוזע)

זאָל רויט ווערן די לאָטאָס בלום
מיט דעם בלוט פון מיין הארץ,
אויב איך וועל נאָך אמאָל מיין ליד אויפהויבן;
געשאָכטענע זאָלן ליגן די ווייסע שוואנען —
מיינע פינגער,
אויב איך וועל נאָך אמאָל אָנרירן די פען.

טראגדאָרע:

ריין איז דיין וואָרט
און הייליקער פון דער ריינסטער לאָטאָס בלום,
הייליק איז דיין ליבע
און ריינער פון די ריינסטע,
קלאָרסטע שוואנען.
און ווייל איך ליב דיך,
דיכטליעל,

(דיכטליעל גיט זיך א צי צו צו טראגדאָרען. טראגדאָרע ציט זיך אָבער גלייך צוריק).

ווייל איך ניט דו זאָלסט שעכטן די ווייסע שוואנען —
דיינע פינגער;
און ווייל איך פארגעטער דיך,
דיכטליעל,
ווייל איך ניט דו זאָלסט באפלעקען דיין וואָרט —
די ריינע לאָטאָס בלום.
פריי פון זיין שוואוע איז דיכטליעל.

דיכטליעל

(אויסער זיך פאר פרייד. הויבט אויף די הענט צום הימל)

נאכט,
פארנעם מיין פרייד.
און איר, שטערן,
שפילט אויף.
שפילט אויף, איר שטערן, שפילט אויף.

(פול מיט צערטלאכקייט)

טראגדאָרע.

טראַגדאָרע:

איך ליב דיך, דיכטליעל, איך האָב דיך ליב.
און פייערדיקער און גיפטיקער פון דער מאָן בלום
איז מיין ליבע;
רויטער און בלוטיקער פון דער מאָן בלום
איז מיין פארלאנג.

דיכטליעל:

זאָג דיין וואָרט,
טראַגדאָרע,
און דיין פארלאנג איז דערפילט;
זאָג דיין וואונטש,
טראַגדאָרע,
און דיין באַגער זאָל זיין געשטילט.

טראַגדאָרע:

קוש די מאָן בלום, דיכטליעל, אויב דו האָסט מיך ליב,
און דיר געהערן מיינע ליפּן;
קוש די מאָן בלום, דיכטליעל, אויב דו האָסט מיך ליב,
און איך קני פאר דיר,
דיכטליעל.

דיכטליעל:

די מאָן בלום איז מיין בלום,
און רויטער פון אירע בלעטער איז מיין פייער.
שטארקער פון איר גיפט איז מיין ליבע.

(גיט א מאַך מיט דער האַנט און א דריי זיך אין צירקל
טראַגדאָרע שפּאַרט זיך אָן אן א בוים. קוקט מיט פרייד און שרעק)

קום מאָן בלום, מיין בלום,
קום ארום, קום ארום.

(פון הינטער א פעלז אין די בערג טאַנצן ארויס זיבן רויטע מאָן בלומען)

מאָן בלום, מיין בלום,
ז־זום ז-זום, ז־זום ז־זום.

(די מאָן בלומען באַוועגן זיך לייכט און רונד ארום דיכטליעלן)

ווי די בין אין פרילינג,
דער געליבטער אין זיין פרייד.
פון בלום צו בלום, פון בלום צו בלום,
ז־זום ז-זום, ז־זום ז־זום.

(די בלומען צעעפענען די בלעטער זייערע פאר זיין מויל. ער גיט א קוש. בלום פארמאכט זיך. טאנצט אפ. בלומען דרייען זיך שנעל און שנעלער, שווינדלדיק אין קאראהאד. און פון קאראהאד, אין דער פארמע פון א שלאנג געדריי, ציען זיי זיך צוריק הינטער דעם פעלז)

טראגדאָרע

(צופאלנדיק צו דיכטליעלס פיס):

דיכטליעל!

דיכטליעל

(לייגט זיין האנט אף טראגדארעס קאפ, ווי אין בענטשונג)

שיקער בין איך

און לייכט, ווי אף פליגלען, בין איך.

(שטרעקט אוים זיין האנט צו טראגדאָרען. הויבט זי אויף צו זיך. קושן זיך ליידנשאפטלאך. קוקן זיך אן א ווײלע אין די אויגן, צוקושן זיך א צווייטן מאל. דיכטליעל הויבט אויף דעם קאפ, רעדט שטיל פון בארוישונג)

הארפען קלינגען,

קלינגען.

שטימען רופן,

רופן.

כאָר:

אפאָלאָן,

זון פון צעאוס און לעטאָ.

גאָט!

גאָט פון ליכט.

גאָט פון מוזיק.

גאָט פון פאָעזיע.

גרויסער גאָט,

אונדזער גאָט

אפאָלאָן.

דיכטליעל

(מיט פאטאס)

הער, טראגדאָרע.

אפאלאָן האָט גענומען די לירע אין האנט.

די מוזן האָבן זייער שטים אין כאָר אויפגעהויבן.

איז עס א פעסט טאָג, צי א טרויער טאָג,

וואָס דער ווייִרויך קרייזלט פון די בערג?

הערסטו דעם אראָמאט?

פילסטו די פארשיקערונג?

טראגדאָרע:

(האָבנדיק איבערגענומען מיט אירע קושן דעם אפּיום פון דיכטליעלס ליפּן)

שיקער,
אויך שיקער בין איך.
בארוישט און באטרונקען בין איך,
דיכטליעל.

(פּאוזע)

זע, דיכטליעל!
אפּאָלאָן איז ארונטער פון אָלימפּ.
צו גאָטס באשאָנקענעם האָט ער זיין האנט אויסגעצויגן,
די מוזן ארונטערגעלאָזן האָבן דעם טראָגשטול אף דער ערד —
גרייט גאָטס באשאָנקענעם דערפרייען און דערהויבן.

(צופוסנס פון די בערג לייכט אויף א שטול)

דיכטליעל:

אפּאָלאָן איז ארונטער פון אָלימפּ.
זיין אראָפּשטייג — מיין דערהויבונג.
די מוזן האָבן ארונטערגעלאָזן דעם טראָגשטול אף דער ערד,
איך האָב שוין דערגרייכט די העכסטע הויך פון פרייד.

טראגדאָרע:

שענער פון די געטער ביזטו, מיין דיכטליעל.
העכער פון אָלימפּ איז דיין וואוין אָרט, דיכטליעל.
אָ, דיכטליעל!
מיינע הענט האָבן זיך שוין לאנג צו דיר געצויגן,
און צוריקגעצויגן האָב איך מיינע הענט;
מיינע ליפּן האָבן זיך שוין לאנג צו דיר געריסן,
און צוריקגעריסן האָב איך מיינע ליפּן.

דיכטליעל:

אָבער ניט מער, טראגדאָרע, ניט מער.

טראגדאָרע

(שמייכלענדיק):

די ליפּן,
וואָס האָבן די מאָן בלוס געקושט —
א פייערדיקן קוש פאר אָט די ליפּן;

(פרעסט צו אירע ליפּן צו זיינע אין א לאנג דויערנדן קוש)

די ליפּן,
וואָס האָבן אין פייער פון דער מאָן בלום געברענט —
לאָמיך פאַרברענט ווערן אַף אָט די ליפּן.

(א קוש. און דיכטליעל ציט זיך מיט שרעק צוריק. טוט א ציטער מיטן גאַנצן קערפּער. קוקט שאַרף און פאַרשנד טראַגדאַרען אין די אויגן).

טראַגדאַרע:

קאַלט, דיכטליעל?

(נעמט אַראָפּ פון זיך דאָס טוך. וויקלט איין דיכטליעלן, ווי אין א טאָגע. און אירע הענט שפּילן זיך, אַראָפּגעלאָזענערהייד, מיט דער מאַסקע, וואָס האַלט פאַרשנאַלט דעם גאַרטל אַרום אירע היפטן).

דיכטליעל

(שטייט פאַרשטיינערט):

דער שאַרף פון אַנטבלויזטע שווערדן
זיינען דיינע ליפּן,
טראַגדאַרע;
פויגלען בלויע,
נעסטנדע,
זיינען דיינע אויגן,
טראַגדאַרע.

(פּאַוזע)

איז וואָס זשע טראָגן דיינע פויגלען,
טראָגן און פאַרבאָרגן?
וואָס זשע שניידן דיינע שווערדן,
שניידן און אַנטפּלעקן?
ענטפער,טראַגדאַרע.

טראַגדאַרע:

שוין האָט דיכטליעל זיין ליבע פאַרלאָרן? !
דיכטליעל!

(לאָזט זיך אַראָפּ אַף די קני. קאָפּ טיף געבויגן)

דיכטליעל

(דעקט איבער מיט א האַנט די אויגן. פון די פיר ווינקלען פון דער בינע קומען פיר פרויען פאַרשלייערט. בלייבן שטיין אין דער פאָרמע פון א קוואַדראַט. דיכטליעל מיט טראַגדאַרען איז דער מיט איינגעשלאָסן. שטיל. יעדע פון די פיר פרויען טוט א דריי מיט דער רעכטער האַנט אַרום קאָפּ, און דאָס פּנים אַנטשלייערט. א וויקל אַרויס זיך פון שלייער, און דעם עמבלעם אַנטפּלעקט. געמאָלע — פּאַליטרע און פּינזלען אין האַנט. געמוזי — לירע אין האַנט. געטאַנצע — צימבאַלן אין האַנט. געאַרכי — צירקל און ווירע אין האַנט. די עמבלעמען אויפגעהויבן. אַראָפּגעלאָזן. און אַוועק אין

טאנץ פון די קוסטן. צום סאָף פון טאנץ לאָזן די געטנס זיך
אראָפּ צופוסנס פון שטול, בלייבנדיק אין זייערע פּאָזן ווי
סטאַטועס אין שטיין אויסגעהאַקט. דיכטליעל — אראָפּגע־
מענדיק די האנט פון די אויגן, רעדט ווי פון כאָלעם.)

אויגן אויפגעמאכט,
פארמאכט.
געמאָלע, און געמוזי, געארכי און געטאנצע —
א כאָלעם אין נאכט.
א כאָלעם אין נאכט.

טראַגדאָרע

(קאָפּ אויפגעהויבן צו דיכטליעלן):

כאָלעם,
אָ כאָלעם,
כאָלעם אין נאכט!
אלע פליגלען אויפגעפליגלט.
אלע הימלען אויפגעמאכט.

(דער דיל אונטער דיכטליעלס פיס, שטול און די געטנס
שרויפט זיך ארויף, לאָזנדיק נאָך זיך זיבן ברייט־נידעריקע
טרעפּ אין דער פאָרמע פון א פעדעסטאַל. אַף דער בינע ווערט
וואָס אמאָל טונקעלער, ביז עס ווערט גאָר טונקל. און דער
זיך שאפנדער מאָנומענט זעט זיך וואָס אמאָל ליכטיקער און
ליכטיקער, ביז ער שטייט אין פולן ליכט. דער אָרקעסטער
און דער כאָר קלינגען ווי אן עכאָ וואָס קומט פון א גאָר
ווייטער ווייט).

דיכטליעל

(שלייכנדיק אהינטערוויילאכץ. רעדט שטיל):

שאלן האָרנס, האָרנס שאלן.

טראַגדאָרע

(שטייט אויף. ענטפערט נאָך שטילער. זיך ציענדיק
צו דיכטליעלן)

שאלן האָרנס, האָרנס שאלן.
מיינע האָרנס.

דיכטליעל:

קלינגען הארפן, הארפן קלינגען.
טויזנט הארפן אין איין קלונג.

טראַגדאָרע:

מיין געקלונג.

דיכטליעל:

זינגען כאָרן, כאָרן זינגען.
טויזנט כאָרן אין איין געזאנג.

טראגדאָרע:

מיין געזאַנג.

(אין דער צייט וואָס דער כאָר זינגט, זעצן פאַר דיכטליעל און טראגדאָרע זייער שפּיל).

כאָר:

באַפליגלט,
פון אַפּאָלאָנען געקושט,
איז דיכטליעל אַפן זונראָד,
דורך וועלט, אַרום וועלט
געפלויגן.
און וואָס געזען — איז אַ זעאונג.
וואָס געזאָגט — איז מוזיק.
און קומען קומט דיכטליעל
דורך פייער,
ווי דער פעניקס,
צום לעבן צוריק.
צוריק, צוריק,
דיכטליעל,
דיכטליעל
צוריק

דיכטליעל

(זיך אַראָפּלאָזנדיק אַפן שטול):

טראגדאָרע!

טראגדאָרע

(אַוועקפאַלנדיק אַף די טרעפּ פון מאָנומענט. די רעכטע האַנט צו דיכטליעלן אויסגעצויגן):

דיכטליעל!

דיכטליעל:

טראַג־דאָרע.

טראגדאָרע:

דיכט־ליעל.

דיכטליעל

(פּליסטערנד):

טראַג־דאָ־רע.

טראגדאָרע

(שעפּטשנד):

דיכט־לי־על.

פ אָ ר ה אַ נ ג

קומט, קינדער

עסטער בולבע

עסטער בולבע,
בול בול בול!
ליפּן — לאַטעס,
באַקן פּול.
אַ נאָז — אַ פּלאָדל.
אויגלאַך קרום.
און פּים — די גרעב
פון אַ פּיאַנע שטול.
עסטער בולבע,
בול בול בול!

מאָטקע נאָז

מאָטקע נאָז,
בערי בערי באָז!
דאַר ווי אַ שטעקן,
גרין ווי אַ גראָז.
אויגן — גלאָצערס
(אָט קוקט אים אָן)
שפּרינגט ווי אַ האָז
און קרייט ווי אַ האָן.
מאָטקע נאָז,
בערי בערי באָז!

האָן באַראָן, דער רויטער האָן

פון דאַך אויף דאַך,
די פליגלען אויסגעצויגן,
איז האָן באַראָן, דער רויטער האָן,
קאָ-קאָ-קען-דיס,
געפלויגן.

נאָכגעיאָגט
און ניט געכאַפּט —
שטייט האָן באַראָן דער זיגער.
און ארום הויז,
מיט שפּאָן און פּאָן,
קינדער,
אָנגעגורטע קריגער.

א וואָרט אהין, א וואָרט אהער.
אַלע טראַכטן.
קלערן.
און מאָטקע נאָז פאַלט אויף א פּלאַן.
זאָגט:
„קינדער, ווילט איר הערן?"

„הערן, הערן — וואָס איז דער פּלאַן?
זיכער וויל מען הערן!"
און מאָטקע נאָז, נאָך מער פאַרטראַכט,
זאָגט :
„דאַך נאָך דאַך,
דאַך אַראָפּ,
לאָמיר די שטיבער איבערקערן."

„די שטיבער איבערקערן?"
כאַ, כאַ, כאַ,
און כאָ, כאָ, כאָ!
לאַכן קינדער,
פאַרגייען זיך ביז טרערן.
און מאָטקע נאָז שטייט אַליין און טראַכט,
און קראַצט זיך אַליין דעם שטערן.

קומט עסטער בולבע אָן פון מארק
מיט זאק און פּאק און פּעקל.
און הערנדיק, וואָס דאָ קומט פאָר,
זאָגט זי:
„קינדער קלאַפּט אריין א פלעקל.“

א פלעקל אריינגעקלאַפּט.
און זעקל ארום פלעקל, און זאק ארום פּאק,
אויסגעלייִדיקט מיט איין קנאק —
דעם האָבער, ווייץ און קאָרן.
דערזען:
אז האָן באראָן, דער רויטער האָן,
איז מיט איין פלי פון דאך אראָפּגעפלויגן,
און גענומען פּיקן, פּיק, פּיק, פּיק,
ניט זעענדיק פאר די אויגן:
אז רונד ארום —
ער אינמיטן —
שטייען קריגער
מיט שפּאָן און פּאָן
און היטן,
היטן.

פּיקט.
געפּיקט
און אויפגעפּיקט
דעם האָבער, ווייץ און קאָרן.
זיך א יאָג געטאָן און גלייך געכאַפּט
האָן באראָן, דעם רויטן האָן,
פאר די גאָלדענע שפּאָרן.

ליגט האָן באראָן, דער רויטער האָן,
א געבונדענער
געפאנגען.
און קינדער,
שטראַלנדיק ארום,
מיט גלאנץ און טאנץ,
פייערן דעם זיג מיט פריידיקע געזאנגען.

ערשט עסטער בולבע
צעוויינט זיך אפן קאָל און פארגייט זיך אין געיאָמער,
וואָס האָן באראָן, דער רויטער האָן,
פּיקט,
געפּיקט
און אויפגעפּיקט
האָט דעם האָבער, ווייץ און קאָרן.
און אז מאמע אין דער היים
וועט קייסענען
און צאָרן.

שטייען קינדער פארטראכט,
פארזאָרגט.
קלערן:
וואָס טוט מען טאקע איצטער?
און מאָטקע נאָז פּאלט אף א נייעם פּלאַן
א צעהיצטער, א צעשוויצטער.

„לאָמיר נעמען,"
זאָגט מאָטקע נאָז,
„א —
א מעסער.
און האָן באראָן, דעם רויטן האָן,
דעם גרויסן פרעסער,
עפענען דעם האלדז,
ארויסנעמען דעם האָבער, ווייץ און קאָרן.
נאכער,
ווי מאמע,
דעם האלדז צוריק פארנייען
און זיך אלע זאָרג פארשפּאָרן."

„גוט!“
שרייען אוים די קינדער,
שטימען איין.
און מאַטקע נאָז טוט איבערן האלדז א כיס:
„צוריק דעם האָבער, גיב צוריק,
צוריק דעם ווייץ און קאָרן!“
און האלדז פארנייט,
נאָר האָן באראָן, דער רויטער האָן,
ניט ער גייט
און ניט ער קרייט.
האָן באראָן, דער רויטער האָן,
א געקוילעטער,
ליגט פארלאָרן.

שלאָף ליד

שא, מיין קינד, נו שא,
שלאָף איין,
וועסטו וואקסן,
א גרויסער זיין.
און וואקסן וועט די זון,
איר שיין —
וועט מיין קינד גאָר ווארעם זיין.
נו שא, מיין קינד,
שלאָף איין.

שא, מיין קינד, נו שא,
ניט וויין.
וועט מאָרגן זיין אין דרויסן שיין.
און ווי נאָר מאמע עפענען וועט די טיר,
קומען וועט איילעיאָהע האנאָווי צוגיין
און ברייגנען שפּילעכלאך פאר דיר.
נו, שא, מיין קינד, ניט וויין,
וועט מאָרגן קומען איילעיאָהע האנאָווי צוגיין.

שא, מיין קינד, נו שא,
זיי שטיל.
ווילסט דאָך קריגען שפּילעכלאך גאָר פיל.
א פּידעלע ווי וועלוועלעס, מיט א סמיטשיקל א קליינס,
און קריגן וועסטו אויך א גארניטערל א שיינס.
נו, שא, מיין קינד,
שא — נו-או,
נו־או, נו-או, נו.
מאך דיינע זיסע אויגעלאך צו.

ווינט, דער שטיפער

ווינט, דער שטיפער, איז געקומען
און שטיפעריש,
אין שפּיל,
אַ גלעט געטאָן,
באַטאַפּט:
אַ פיינער הוט!
אַראָפּגעכאַפּט.
און טשאָק,
פאַרפלויגן.
לויפט אים עסטער בולבע נאָך
מיט טרערן אין די אויגן,
און דער ווינט,
געשווינט,
נאָך פלינקער פון אַ האָז,
אריין אין גראָז.
ארויס,
און אָט —
ער איז שוין מיטן הוט אפן קוימען פון הויז.
פרייט זיך דער קוימען:
ס'איז אים ווארעם אין קאָפּ.
כאַפּט ווינט, דער שטיפער, דעם הוט גלייך אַראָפּ
און טוט אים אָן אויף אַ בוימישן קאָפּ.
זינגט בוים, דער נאַר, אַ לויב דעם ווינט.
כאַפּט ווינט,
געשווינט
דעם הוט אַראָפּ,
גיט דריי מאָל אַ דריי,
אַ דריי
און אַ טראָג —
זעצט אים ארויף עסטער בולבען אפן קאָפּ.
און ער גיט זיך אַ קוליע
און אוועק אַ קאַדריל.
ווינט, דער שטיפער, האָט ליב אזא שפּיל.

אין געיעג נאָך א מויז

א גריבל אין שטיבל,
ניט קליין און ניט גרויס,
איז אין שטיבל,
פון גריבל
א מייזל ארויס.
שטייט מאָטקע נאָז
קוקט אפן מייזל,
קוקט און טראכט:
מייזל איז ארויס פון גריבל,
די טיר איז אָפן.
קען נאָך מייזל אנטלויפן פון שטיבל,
האָט ער פאמעלאכקע די טיר צוגעמאכט.
און אליין,
ווי א קאץ —
אץ-באץ!
מיט הענט אויסגעשטרעקט
נאָכן מייזל זיך געלאָזן.
אָפ-לאָפ!
זיך איבערגעקוליעט.
געפאלן.
קאָפ אָן וואנט געטראָפן.
און סמייזל,
קאָפ אראָפ,
פלינק אין גריבל איז אנטלאָפן.

אפן פערד

פעלדער און וועלדער, טאָלן און בערג,
גיט א שפּרונג מאָטקע נאָז אף זיין געזאָטלטן פערד,
און לאָזט זיך ארויפצו, און לאָזט זיך אראָפּ —
פעלדער און וועלדער, מאָטקע נאָז רייט גאַלאָפּ.

ב)

האָפּ אין גאַלאָפּ — ערשט עסטער בולבע אנטקעגן,
מיט א צייכן פון האנט, אף דעם קרייץ פון די וועגן,
האָט דאָס פערד אָפּגעהאלטן אין פולן גאַלאָפּ.
אָפּגעהאלטן, פארפאלן — ז'ער פון פערד גלייך אראָפּ.

„וואָס וויל עסטער בולבע?" פרעגט שטריינג מאָטקע נאָז.
„אז פארן וואלד האָסטו מוירע, שרעקיגער האָז!
און פויגל נאָך פויגל פליט, ווי א פעסט, דיך פארביי.
זוואָס ווילסטו, נו קלער ניט, סאיז דיין קלערן ניט קעדיי."

„כוויל אף דיין פערד." זאָגט עסטער בולבע גאנץ שטיל,
„און ברייננג מיך, איך בעט דיך, ארויף צו דער מיל.
סקען נאָך די מאמע דאָרט פון זינען אראָפּ.
איך בלאָנדזשע, נעם טראָג מיך, אין פול־פולן גאַלאָפּ."

ג)

פעלדער און וועלדער, טאָלן און בערג.
עסטער בולבע, פארלאָזן, שטייט שווארץ ווי די ערד.
און סיאָגט מאָטקע נאָז נאָך ווילדער אין גאַלאָפּ —
פעלדער און וועלדער, און דאָס פערד שטעלט זיך אָפּ:

אראָפּ, און פאר די אויגן א קלאָרענקער טייך
מיט פישלאך גאָלדענע און זילבערנע רייך.
און א שיפל, באַם ברעג, שטייט רויט גליענד אין שיין.
טראכט ניט מאָטקע נאָז, זעצט זיך אין שיפל אריין.

ערשט שיפל, דאָס שיפל האָט ערגעץ פארלאָרן דעם דעק.
און טייך, אָט דער טייך, האָט גלייך פארלאָרן זיין ברעג.
און סיאָגן די כוואליעס צו פארזינקען אראָפּ.
וויינט, שרייט מאָטקע נאָז אף גאָר דעם אויבערשטן טראָפּ.

ד)

פעלדער און וועלדער, טאָלן און בערג.
און באָבעצע זדאָ ווי פון אונטער דער ערד.
שטייט זי באַם וואסער. שטייט, הערט דאָס געוויין.
און מאָטקע נאָז בעט זיך: — „אוי, באָבעניו קרוין!

כוועל מער ניט פארשעמען א כאַוער אין וועג,
און אלץ, וואָס איך פארמאָג, גיב איך מיט גוטן אוועק.
נאָר קער, האָב ראכמאָנעס, קער מיך אום גלייך אהיים,
כוועל מער אזוי ניט טאָן, באָבעניו קרוין!“

זאָגט באָבעצע מויכל, און זי טוט גלייך א בלאָז:
לויפן די כוואליעס, ברייינגען צוריק מאָטקע נאָז.
און באבעצע קערט אים צוריק אום זיין פערד,
מיט א וואונק צו די ווייטע, אָפענע בערג.

ה)

פעלדער און וועלדער, מאָטקע נאָז רייט גאַלאָפּ,
פלינקער פון ווינטער, מיט א צעשויבערטן קאָפּ,
דורך פעלדער, וועלדער, טאָלן און בערג,
אהיים, א באפרייטער, אף זיין געזאָטלטן פערד.

בינעלע און שפּינעלע

בינעלע בינעלע,
בינעלע בין.
פון בלימעלאַך געלענקע
און בלימעלאַך גרין
קלייבט האָניקל,
האָניקל,
האָניקל זים.
בינעלע, בינעלע,
בינעלע בים.

שפּינעלע, שפּינעלע,
שפּינעלע שפּין.
פון פעדימלאַך זיידענע —
שאַ, שטיל אין געשפּין,
שפּינט נעצל,
א נעצל.
א נעצעלע דין.
שפּינעלע, שפּינעלע,
שפּינעלע שפּין.

און שפּינעלע שפּין,
מיט א נעצעלע דין,
איז אוועק
צו בינעלע בין
אף אַלענקע פים,
נאָך האָניקל זים.

אין שרעק פאר א מויז

דערזען עסטער בולבע אין גאס האָט א מויז,
איז זי פאר שרעק אויפגעשפרונגען,
ארייגעלאָפן אין הויז,
ארויף אפן טיש,
אפן קאָל זיך צעשריען,
די הענט ווייט צעשפרייט, ווי א פויגל אין פליען.
און אז דער טאטע איז אריין אָן אָטעם,
פארסאָפעט,
האָט זי נאָך אלץ געגוואלדעוועט
און ווילד, ווי א ציג, אף די פיסלאך געהאָפעט.
— וואָס איז, עסטער בולבע, וואָס איז דאָ געשען?
האָט ווער דיך געשלאָגן? האָסטו א ניטגוטן געזען?
— אין גאס,
אין גאס א מויז, א מויז געלאָפן.
— דאָס גאָר?
מוירע פאר א מויז!
און דער טאטע האָט זיך צעלאכט,
אזש געטרייסלט האָט זיך דאָס הויז.

קאַרשן

עסטער בולבע, בול בול בול!
איז אַרום אין גאַס מיט קעשענעס פֿול,
פֿול מיט קאַרשן.
און עסטער בולבע, בול בול בול!
האָט צעטיילט פֿולע הויפֿנס,
פֿון די קעשענעס פֿול,
צו די קינדער אין גאַס.

און אַלע האָבן געגעסן און אַלע האָבן געלאַכט.
און אַלע האָבן זיך די פּענימער מיט רויטן זאַפֿט אויסגעשמירט
און פּאָר קלאָונען געמאַכט.

אינמיטן איז אַ באָבעצע געקומען צוגיין.
אויסגעדאַרט און איינגעבויגן.
אין האַנט אַ שטעקן.
נאָז פּאַריסן.
אַ מויל אָן ציין.
און געבעטן מיט געוויין:
„גיט מיר אַ קאַרש.“

„מאַרש, מאַרש!“
האָבן די קינדער געשריען און פֿון דער באָבעצע געלאַכט.
נאָר עסטער בולבע, בול בול בול!
האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט:
„מיר האָבן מער קיין קאַרשן ניט,“
האָט זי מיט ראַכמאָנעס געזאָגט,
„און דו האָסט ניט קיין ציין.
נאָר, באָבעניו, זע:
דער קאַרשן זאַפֿט אויף מײַנע באַקן איז נאָך פֿריש,
איז נאָך ריין.
נעם דעם זאַפֿט אויף דײַן גומען,
ער איז זיסער פֿון האָניק און שמעקנדיקער פֿון בלומען.“

איז דאָס דער באָבעצע זייער געפֿעלן.
האָט זי אַ שפּרונג געזאָגט.
דעם שטעקן אויפֿגעהויבן.
געגעבן דרײַ מאָל דרײַ אַ קלאַפּ אין שטיין.
און עסטער בולבע, בול בול בול!
איז געוואָרן מיט אַמאָל ווי אַ פֿייע שיין..

זיידע באבע *)

קינדער:

אין קארעדל, רונד ארום,
האנט אין האנט געשלאָסן.

מיידל:

פון קארעדל,
קאראהו,
די באָבע האָט זיך פארנומען,
זוכט דער זיידע און ווייס ניט וואו
די באָבע איז אהינגעקומען.

זיידע:

קינדער, קינדער!
ווייסט איר ניט וואו די באָבע איז?
סאיז מיר דאָך א וואונדער.

קינדער:

רויטע, רויטע ציגן,
בלויע פּאָמעראנצן.
סאיז די באָבע אהיים געגאנגען
מיט די ציגן טאנצן;
סאיז די באָבע אהיים געגאנגען
פּאָמעראנצן פלאנצן.

אינגל:

וואָס בייזערסטו זיך, זיידע?
ועסט דאָך באָבען ניט שלאָגן.
באָבע, באָבע, קום ארויס,
איך מוז דיר עפּעס זאָגן.

קינדער:

קאַץ און מויז, קאַץ און מויז.
זיידע, באָבע ארום הויז.
די קאַץ אריין, די מויז ארויס,
קאַץ,
מויז,
אריין,
ארויס.
געכאַפּט.
אויס!

*) נ. ב. מליגט אויס א שערייננגע שטיינדלאך מיט א פּאָר בלויע ברילן פאר די אינגלאך און א שערייננגע שטיינדלאך מיט א רויט טיכל פאר די מיידלאך. קינדער לויפן אין געוועט. דער, וואָס כאַפּט די ברילן איז — זיידע. די, וואָס כאַפּט דאָס טיכל איז — באָבע. דער, וואָס כאַפּט דעם ערשטן שטיין, שפּילט — אינגל. די, וואָס כאַפּט דעם ערשטן שטיין, שפּילט — מיידל. קינדער פאַרמירן א ראָד, זינגען. מיידל זינגט „פון קארעדל“. זיידע פרעגט. קינדער ענטפערן. אינגל רופט. באָבע באווייזט זיך אויסערן קרייז. זיידע יאָגט זיך נאָך דער באָבען. שפּילן „קאַץ און מויז“.

די מאַכשייפע

געזען האָט מאָטקע נאָז
ווי אַ מאַכשייפע האָט די לעוואָנע הינטער וואָלקן פאַרקערט.
און געהערט,
אין דער שטילקייט פון נאַכט,
ווי זי האָט ציינלאָז-ווייך זיך צעלאַכט
און געזאָגט:
„לעוואָנע פאַרקערן.
פאַרדרייען די וועגן.
וועלן קינדער בלאָנדזשען.
וועל איך זיי קומען אַנטקעגן.
און זיי ארויפכאַפּן אַפן בעזים און זיי אריינוואַרפן אין טאָפּ.
זיי קאָכן און בראָטן און זיי צופּרעגלען אויף אַ פאַן.
אוי, וועט עס זיין אַ מייכל.
פון גאַניידן דער טאַם."

שטייט מאָטקע נאָז,
קוקט ארויף.
און לאַנג ניט געטראַכט —
צוויי פינגער אין מויל אריינגעשטעקט
און געגעבן אַ פייף אין דער ווייטקייט פון נאַכט.
דערהערט דעם פייף,
האָט די מאַכשייפע פאַר שרעק,
דעם בעזים פון האַנט ארויסגעלאָזן,
זיך איבערגעקערט
און געפאַלן,
קאָפּ אראָפּ,
אַ טויטע אויף דער ערד.

דאָס קלאַפּערל

קלאַפּט דאָס קלאַפּערל
אין פּייקעלע,
בום!
פאַראַן איז אַ זון,
אויך פאַראַן איז אַ בוים,
און אויפן בוים איז אַ פויגל פאַראַן.
זינגט פויגל אויפן בוים,
אַנטקעגן דער זון,
צום קלאַפּ פון קלאַפּערל
אויפן פּייקעלע,
בום!
„דער טאָג איז שיין, דאָס וואַסער איז ריין,
איז לאָמיר, קינדער, זיך באָדן גיין."
און אַז דער טאָג איז שיין און אַז דאָס וואַסער איז ריין,
איז אַריין אינעם וואַסער,
פּליוך, פּליוך,
און אַרויס.
און צוריק פונעם באָדן,
נאָכן קלאַפּ פונעם קלאַפּערל
אויפן פּייקעלע,
בום!
פליט פויגל צום בוים
אַנטקעגן דער זון.
און די קינדער, אונטער בוים,
צעלייגט
מיט עפּל, מיט באַרן,
מיט ניס —
עסן און עסן,
אַ ביס נאָך אַ ביס.
און ניטאָ מער קיין עפּל,
קיין באַרן ניטאָ —
זיינען ניסלאַך דאָ!
דאַרף מען ניסלאַך קנאַקן.
קנאַקט מען
און מ'מאַלט אויף ביידענקע באַקן.
איז צופרידן דער פויגל,

און אַנטקעגן דער זון
צום קלאַפּ פון קלאַפּערל
אויפן פּייקעלע,
בום!
רופט קינדער אין שפּיל..
איז אַ הויב און אַ שפּרונג.
אַ דריי אין אַ ראָד.
און געמאַכט איז אַ מיל.
און די מיל האָט אַ מילנער.
און דער מילנער דאַרף ווינט
און דער ווינט דאַרף אַ ראָד.
דרייט זיך דער ווינט,
ראָד אַריין, ראָד אַרויס,
יאָגט דער מילנער,
שפּילט
„קאַץ און מויז“.
און געענדיקט די שפּיל —
זינגט פויגל אויפן בוים,
אַנטקעגן דער זון,
צום קלאַפּ פון קלאַפּערל
אויפן פּייקעלע,
בום!
„פאַרגיין טוט די זון, די זון טוט פאַרגיין.
איז צייט פאַר קינדער זיך פּאַקן אַהיים.
און וואַשן די הענט, דעם פּנים, די ציין,
פאַרקאַמען די האָר,
זאָגן „אַ גוטע נאַכט“ און שלאָפן גיין.“
און אויף מאָרגן! —
פאַראַן איז אַ בוים
און אויפן בוים איז אַ פויגל פאַראַן.
וועט דער פויגל
צום קלאַפּ פון קלאַפּערל
אויפן פּייקעלע,
בום!
אויפוועקן די קינדער
גלייך מיט דער זון.
בום, בום, בום!
בום, בום!
בום!

נאָך די טויבן

אָט אפֿן בוידעם
און שוין אפֿן דאך —
קראך!
עס פֿאַלן די שינדלען.
און די טויבן —
א הויב
און א פֿלי,
פֿאַר די אויגן שווינדלען.

שווינדלען פֿאַר די אויגן
ווייסע,
געלע טויבן.
און טראך
טאַ־ראַ־ראַך,
באַך!
אראָפּ פֿונם דאך.
און מיט פֿאַרלאָפֿענע אויגן,
צעבלוטיקטער נאָז —
ליגט,
כאַלעמט פֿון טויבן
מאָטקע נאָז,
בעריבאָז.

ווינט, דער קייסן

דאָס וואַסער איז גלאַט, דאָס וואַסער איז קיל,
לאָזט עסטער בולבע אַפּן וואַסער,
אין שפּיל,
קאַטשקעלאַך פיר
און א מיל מיט א פליגל געמאַכט פון פּאַפּיר.
איז געקומען א ווינט,
דרייט זיך די מיל.
טאַנצט עסטער בולבע,
קוועלט אָן פון שפּיל.
און זי טרייבט די קאַטשקעלאַך,
טרייבט זיי פון ברעג.
און די קאַטשקעלאַך נאָכן ווינט,
מיטן ווינט זיינען אוועק.
ערשט קריגט בּאַראָטע עסטער בולבע,
וויל די קאַטשקעלאַך צוריק.
איז דער ווינט אָבער א קייסן,
פּלעכט ער פון וואַסער א שטריק,
טוט א צי און א שלעפּ —
און ער האָט אויך די מיל.
זעט עסטער בולבע, אז פאַרלאָרן איז די שפּיל.
זוכט זי אהער, זוכט זי אהין,
פאַרייסט דעם קאָפּ
און דאָ —
א וואָלקנדל דין,
פּליט, פליט.
דערזען עסטער בולבען,
שטעלט זיך דאָס וואָלקנדל אָפּ,
און מיט א געבויגענעם קאָפּ
טוט ער שעמעוודיק פרעגן:
„שוועסטערקע טייערע,
ווייסטו עפּשער וואו עס וואוינט דאָ דער רעגן?"
„דער רעגן?"
טוט עסטער בולבע מיט געוויין איבערפרעגן.
„דריי מייל רעכטס, פיר מייל לינקס,
נאכער א מייל גלייך.
אריבער דעם בארג, אריבער דעם וואלד,

אפֿן גרונט פֿונם טײַך."
און כאָטש ווייט איז דײַן וועג
און פֿיסעלאַך האָסטו קורצינקע,
קרום.
דאָך,
זײַ אַ גוטער,
גיב אַ שפּרייז איבערן דאַך און פּאָר אַ ווײַלענקע בלויז
ברענג,
ברענג מיר די זון.
דערפֿאַר וועט דער רעגן דיר קומען אַנטקעגן אויף אַלענקע וועגן.
איז וואָלקנדל אַ גוטער און נאָך בעסער פֿון גוט.
און מיט די קורצע פֿיסעלאַך,
קרום,
האָט ער געגעבן אַ שפּרייז אַריבער דעם דאַך
און געבראַכט גלײַך די זון.
איז אַ גוטע די זון און נאָך בעסער פֿון גוט.
האָט זי זיך וואַרעם אָנגעבויגן,
די טרערן אויסגעקושט עסטער בולבען פֿון די אויגן,
און שטיל,
געפֿרעגט אויפֿן אויער,
„עסטער בולבע וואָס ווילסטו?"
„איך וויל, איך וויל די קאַטשקעלאַך פֿיר,
איך וויל צוריק אויך די מיל.
ווינט, דער קייסן, האָט געפּלאָכטן אַ שטריק,
פֿאַרנומען מײַן שפּיל און גיט ניט צוריק."
האָט זיך אויפֿגעהויבן די זון און אַוועק צום ווינט.
און ווינט, דער קייסן,
צעוואַרעמט פֿון דער זונס וואַרעמע רייד,
האָט פֿאַרוואָרפֿן די שטריק,
און די קאַטשקעלאַך פֿיר, אויך די מיל,
געבראַכט צום ברעג גלײַך צוריק.
פֿרייט זיך עסטער בולבע,
פֿרייט זיך די זון.
און דערפֿרייט טאַנצט דאָס וואָלקנדל
אויף די קורצע פֿיסעלאַך,
קרום.

פּאַך־פּאַך־פּאַך

פּאַך־פּאַך־פּאַך,
פּאַכער־פּאַן!
פליגלען האַסטו, רויטער האַן,
טאָ גיב אַ קריי
און אַ פלי,
אויף
אַרויף
און אַראָפּ.
און ווייז
קאַק־קוואַקע
דער גראַבער־ראַבער,
באַבע הון,
אַז
אַ־האַר־ניט,
גאַר־ניט
איז איר זילבערן איי
אַנטקעגן די גילדערנע צוויי,
וואָס געלייגט האָט די זון.
פּאַך־פּאַך־פּאַך
פּאַכער־פּאַן!
פליגלען האַסטו, רויטער האַן.

עפּעלאַך

עפּעלאַך,
קעפּעלאַך,
רויטינקע בעקעלאַך —
עפּעלאַך אפֿן בוים.
ווילסטו אַן עפּעלע,
~~און~~
טאָ שפּאַר אָן דאָס קעפּעלע,
מאַך צו די אויגלאַך און
ט - - - ם.
עפּעלאַך,
קעפּעלאַך,
רויטינקע בעקעלאַך —
עפּעלאַך אפֿן בוים.

אינהאלט

		זייט
פען און פינזל	(1923-7)	6
טאָן פאָעמען	(1923-7)	26
אין שווארץ און ווייס	(1924-5)	54
לאמאטלאך	(1927-8)	66
פארן קיסיי האקאָוועד	(1925-6)	80
דער מאָנומענט	(1923-8)	86
קומט, קינדער	(1925-7)	106